PJ
5129
N2M3

LIBRARY
OCT
1976
UNIVERSITY
OF TORONTO

נאַכאַמאָל — ליעבע — — — — — — — — — — — " 121
מיין ווינטער־חלום — — — — — — — — — — " 122
די פינפטע עוועניו — — — — — — — — — — " 123
א גענייץ — — — — — — — — — — — — — " 124
וועגען היסטאָריע — — — — — — — — — — " 126
דאָס מוטערל ערד — — — — — — — — — — " 127
פריילין שוועבעלע — — — — — — — — — — " 128
צוריי — — — — — — — — — — — — — " 129
עלטער און יונגער — — — — — — — — — — " 131
איינזאם — — — — — — — — — — — — — " 133
פארזעצונג — — — — — — — — — — — — " 134
די ווייטע וואַיענדיגע שיף — — — — — — — " 135
טעג און נעכט — — — — — — — — — — — " 137
מיין קינד — — — — — — — — — — — — " 138
האַמאַ סאפיענס — — — — — — — — — — — " 140
שווייג — — — — — — — — — — — — — " 142
נאַכאַמאָל — א שיף — — — — — — — — — " 144
דער טאג — — — — — — — — — — — — " 145
דיינע שמעטערלינגען — — — — — — — — — " 147
וואָס מיינט איהר דאמיט? — — — — — — — " 151

דאָן זשואַן — — — — — — — — — — — — 68 "

אַ רעגעלער ראָמאַן — — — — — — — — — — 69 "

די כּאַאיווע — — — — — — — — — — — — 71 "

דאָס פאַרשטאַכענע אויג — — — — — — — — 73 "

געדאַנקען עקסאַגאַמיע — — — — — — — — 75 "

דער בלאָנדזשענדער שטערן — — — — — — — 79 "

הער, וואָס בויגט זיך — — — — — — — — 81 "

דער פאַרליעבטער און דאָס בעזעמל — — — — 84 "

אַ באַנקעט — — — — — — — — — — — 86 "

געגעסען אין סוכּה — — — — — — — — — 89 "

אילוסטרירטע ליעבע — — — — — — — — 92 "


## אויסגעטראַכטע זאַכען


די שענסטע רויז — — — — — — — — — 97 "

אַ לעגענדע — — — — — — — — — — — 98 "

די זעגעל שיף — — — — — — — — — 99 "

צו די שדים — — — — — — — — — — 100 "

פאַרגעסענהיים — — — — — — — — — 101 "

די לבנה — — — — — — — — — — — 102 "

מיין בּויער אַנצוג — — — — — — — — 103 "

מיין אויג — — — — — — — — — — 104 "

פישטאַנג און ליבעליו — — — — — — — 106 "

עלעגיע — — — — — — — — — — — 107 "

אין מוזעאום — — — — — — — — — 108 "

סענטימענטאַל — — — — — — — — — 109 "

איך כעס דיך — — — — — — — — — 110 "

אַ באַרג — — — — — — — — — — — 112 "

אַלעס וואָס ענדיגט זיך — — — — — — — 113 "

די סטראַשידלע — — — — — — — — — 114 "

דער רעגען — — — — — — — — — — 115 "

וועגען זיך אליין — — — — — — — — 116 "

אַ שטימונג — — — — — — — — — — 117 "

אָדיעקטיווען — — — — — — — — — 118 "

ווי אַלע מאָל — ליעבע — — — — — — — 119 "

# אינהאלט


עהרליכקייט באצאהלט זיך — — — — — — — זייט 7
דער אפגאַרהער — — — — — — — — — " 11
די הותן און דער אייער סוחר — — — — — — " 14
דער גרויסער דענקער — — — — — — — — " 16
ס. פאלעק — — — — — — — — — — " 18
א ביהנע ואס וואקסט — — — — — — — " 21
דער דיכטער און דאס פויגעלע — — — — — " 23
קינדער ליעבע — — — — — — — — — " 25
פינסטער זאל ווערען — — — — — — — " 27
די אָפענע האנט — — — — — — — — — " 30
דער פרעמדער — — — — — — — — — " 32
די געטרייע טאָכטער — — — — — — — " 34
דער ראדיקאל — — — — — — — — — " 36
דער מבין הגדול — — — — — — — — " 38
גראטעוועט — — — — — — — — — " 40
די רויטע ראָזע — — — — — — — — " 42
פרויען און וועלף — — — — — — — — " 44
דער מאן מיט'ן מעסער און דער מאן מיט'ן זעג — " 46
דער טרוימער — — — — — — — — — " 48
דער איבערמענש — — — — — — — — " 50
דער פארביסענער קעניג — — — — — — " 52
דער מלחמה קרבן — — — — — — — — " 55
די אומשטענדען — — — — — — — — " 57
לייוועגט — — — — — — — — — — " 60
דער שטאָלצער קינסטלער — — — — — — " 63
ציוויליזאציע — — — — — — — — — — " 67

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס אייערע גייסטיגע יאסלעס זענען אזוי שרעקליך יונג, אָדער אזוי שרעקליך אלט, און אירר קאָנט בלויז עסען — דירעקטע חכמות.

איך פרעג אייך נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס איהר טראָגט זיך ארום מיט נע׳פּגר׳טע פראזען, ווי מיט טויטע קעץ?

איך פרעג אייך נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואס איהר זענט נישט איינשטימיג מיט מיר? און איך דערצעהל אייך נישט, אז איך בין אויך קיינמאָל נישט איינשטימיג מיט מיר אליין!

איך פרעג אייך נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס איהר האָט געדולד פאר אלע דומע האלבע קלוגהייטען פון די נאָכמיטאָג־דענקער, און פארוואָס איהר פארשטעהט נישט די קלוגע נארישקייטען פון א גע־לאנגווייליגטען מענש?

רענט אויף קיינעם און איך שרייב נישט קיין פּראָטע־
סטען צו דער גאָטהייט.

ווען גאָט האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, האָט ער
באַשאַפן אַ וועלט. ווען איך האָב נישט וואָס צו טון,
ענטשאַף איך די ראָזינע וועלט אויף אַזוי פּיעל ווי עס
ליגט אין מיינע כחות.

פאַרשטעהט איהר עס?

ניין איהר פאַרשטעהט נישט. אָבער איך פרעג אייך
נישט וואָס מיינט איהר ראַמיט וואָס איהר זענט אַזוי
קליינקעפּיג אַז איהר פאַרשטעהט נישט?

איך פרעג נישט וואָס מיינט איהר דאַמיט, וואָס
איהר פרעגט מיך אַזוי אָפט:

וואָס מיינט איהר דאַמיט?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט אַזוינס גן־עדן,
באַליערע, עלקטריציטעט, דער אָקעאַן, אַן ערד־ציטערניש,
דער ליעבער לעזער?

איך פרעג אייך נישט: פאַר וואָס פאַרשווענדט איהר
אייערע טעג־און־נעכט אויף נישט־צו־פאַרשטעהן מיך,
ווען איהר קאָנט אין דערזעלבער צייט נישט־פאַרשטעהן
גרעסערע זאַכען, ווי צומביישפּיעל דאָס לעבען, דער
טויט, די ליעבע, די פּלאַנעטען, דאָס זאַמד?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס
אייך איז אַלצדינג אַזוי אידיאָטיש־קלאָר, אַזוי באַנאַל
פאַרשטענדיג, אַזוי עזליש־איינפאַך?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס
איהר זענט אַזוי גרינטליך־אונוויסענד, אַז איהר ווייסט
אַזש אַלצדינג.

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס
איהר כאַכאַ׳קעט איבער דעם נאַרישסטען וויץ, וואָס
איהר וואַלגערט זיך אין אַ זומפּ פון פאַרשימעלטע ווער־
טער, וואָס איהר שווימט אין אַ ים פון האַרצטרוקענקייט
(אַ שווער וואָרט) און פון מיטעל־מיטעל־מיטעלמע־
סיגקייט?

## וואָס מיינט איהר דאַמיט?

ער זאָגט צו מיר:

איך פארשטעה נישט וואָס איהר שרייבט.

וואָס מיינט איהר דאמיט, אזוי און אזוי?

איך ענטפער איהם:

מיין ליעבער מענש, איך מיין דאמיט פארשיעדענע זאכען, און נאָך פארשיעדענערע און גאָר די פארשיע־דענסטע.

איך ענטפער איהם:

אָפט מיין איך זעהר דייטליך, ליעבער פריינד, אָבער נאָך אָפטער פארשטעה איך נישט וואָס איך מיין. אָבער איך פרעג נישט ביי אייך: ליעבער לעזער, וואָס מיין איך דאמיט וואָס אזוי און אזוי?

אויב איך פארשטעה וואָס איך שרייב — איז גוט, אויב נישט, שרייב איך סיי־ווי־סיי.

און איך מיין אבסאָלוט גאָרנישט דערמיט, מיין טייערער!

און אך! — זאָג איך — ווען מיין געשריפטס זאָל זיין די איינציגע זאך אין דער וועלט וואָס איז מיר נישט קלאָר.

פאראן גרעסערע זאכען וואָס זענען מיר נישט קלאָר, און אויך קלענערע.

נאָר איך פרעג נישט ביי קיינעם, בין נישט אויפגע־

שמעטערלינגען וועלען אמאל אויף ווייסער וואטע שטע־
קען, דורכגענאדעלט דורך די קליינע, פיינע, שמעטער־
לינגקעפ.

און מיין קליין אינגעלע, דאס ליעבע מלאכ'על, טראגט מיר א נאדעל אונטער: „פאפא" — עטצעטערא. אבער מיין ליעבע פרוי, און איך זעלבסט — מיר צוויי נאבעלע זעעלען, קאנען די מערדער־ארבייט נישט טון — לאזען מיר די דריי שמעטערלינגען אונטער די דריי איבערגעקערטע גלעזער שלאפען און מיר געהען ארויס באוואונדערען די לבנה, וואס פלאמט מיט ווייס־פייער איבער די בערג. קאפיטעל זיבען קומט. פיליכט ענדע.

## זיבעט קאפיטעל

זענען מיר אויפגעשטאנען.

האבען מיר געזעהן: שוואך, טויט־מיעד האבען קליי־נע פלינעל אונטער דריי איבערגעקערטע וואסער־גלעזער געפלאטערט און אויפ'ן ווייסען קאמאד־טישטוך זענען שטיקער שמעטערלינג־פלינעל געלעגען, ווי אויסגע־ברענט פאפיער.

האט איינער פון מיר און מיין פרוי רחמנות געקרא־גען און די גלעזער אויפגעהויבען, האבען צוויי שמעטער־לינגען א ווייליע געפרובט זיך זעצען אויף דער לופט און אראפגעפאלען צו דר'ערד, און דער דריטער שמעטער־לינג — דער שענסטער — האט מיט די פלינעל א פארבינע קללה אויסגעקלאפט, און געבליבען ליגען ביים ראנד פון מיין וואסער־גלאז.

א שאד! אזוינע שעהנע שמעטערלינגען און מען קען זיי נישט איינראהמען צוליעב די צעבראכענע פלינעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

...א מעשה מיט א שמעטערלינג.

די אלטע און פאר'מעריב'ען זיך און זיי זאמלען זיך איין צו זייערע טאטעס הינטער די בערג.
פינפט קאפיטעל קומט.

## פינפט קאפיטעל

האט זי צו מיר נעזאגט — די וואס מיין הארץ גלוסט:
— שמעטערלינגען!
— שמעטערלינגען?
שמעטער —
אויגענליכט — שארף. באפעהל — דייטליך. ווייס־פארטוך בליסטשעט אין דער זון און — זאגט צו. בלויע־הויבקייט שטימט איין. פלייצעשיפעל — שווימט אין געבטענלאנד אוועק און זאגט צו מיט א גראציעזער שווים־ליניע. גאלדצעפ שמייכלען און ווייס־ציין זאגען דייטליך:
— פאנג שמעטערלינגען.
שטעך זיי מיט א שפילקע די קעפלעך דורך.
— און ראהם זיי איין.
— אך, ווי זי ליעבט די שמעטערלינג־פייגעל. די בלאנד־גאלדיגע פרוי מיינע. זעקסט קאפיטעל קומט, ביטע, נישט אומרוהיג ווערען!

## זעקסט קאפיטעל

שטעהען אויף מיין קאמאדע דריי איבערגעקערטע טרינקגלעזער און הינטער יעדען גלאז צאפעלט א שמעטערלינג און וויל שטארבען.
איך, דער שרייבער פון אט די ציילען, בין געטריי און איבערגעגעבען צו מיין פרוי, האב ליעב מיין קינד אהן א שיעור, — האב איך פארגעניגען צו טראכטען ווי די

איז ערלויבט?

עס זענען וואָרימלײדיגע טעג געווען. אויסגעטאָן פֿון אַלצדינג זענען זײ אויף אַ ברעג געלעגן און אונז געלאַנגווײליגט מיט זײער געל־בלעכענער גאָרנישט־וואַנענדינקייט.

זענען אויך פֿויגעל געווען — האָבען זײ געפּיפּען. פּיפּיף. און עהנליכעס.

זענען אויך יונגע קעלבלעך געווען — פּלעגען זײ לאַנג שטעהן נעגען דער געלער הימעל־מאַראַנץ און לעקען איהר זאַפט — טעאַרעטיש.

זענען אויך אידישע שנײדערמײדלעך געווען. פּלעגען זײ לאַכען הויך און צײנערדיג צו די נאַרישע בערג אַרויף, וועלכע האָבען צוריקגעשפּיגען דיזעלבע ווערטער אויף שלעכט־דאָרפּישען אידיש. מיט אַ האַרטער „ר״.

זענען אויך עטליכע כריסטטוירען געווען — שיקסעס, אויב איהר ווילט. מעהלבלאַסע מיט אַרויפגעשליפענע נעז און פאַרבוימעלטע אויגען. וואָס האָבען געשמעקט פֿון די באַקאַנטע עהל־לעמפּלעך הינטער די יעזוס־פאַרטרעטען.

האָבען זײ מיר מײנע פליה־פלינעל פאַרפלעקט מיט הײליגקייט, און אויפ׳ן דאָרף איז זייף זעהר טײער.

פּיערט קאַפּיטעל קומט.

## פּ י ע ר ט  ק אַ פּ י ט ע ל

כמעט ווי אַ באַשרייבונג: מײן ליעבע פרוי איז געוואָרען בלאַנדער פֿון טאָג צו טאָג און איהר אַראָפּגעהאנגענע צעפּ זענען געוואָרען צוויי זונענפאַלען, וואָס זענען געלאָפּען איבער די שטײנער פֿון מײן האַרץ.

שעהן־פײן איז דאָס, — נישט אַזוי, דו אײנגעל?

און טעג קומען און פאַרגעהען — פאַרשטעהט זיך, אַנדערש קען נישט זײן, בײ דער הײנטיגער ציוויליזאַציע.

און נײע טעג קומען אויף די קנאַפּעלדינקײטען פֿון

# דיינע שמעטערלינגען

### ערשט קאַפּיטעל

א טאָג געווען — פול מיט גאָלדליכט. האָב איך גוט געשפּייזט, געקושט מיין ליעבע פרוי און זי געפרעגט:

— אפשר כאַפּען שמעטערלינגען, פאַר דיר?

— יאָ, רייז.

— יאַרייז — צוזאמען. א שעהן וואָרט — כמעט ווי זשאַרעס.

סאָציאַליסטען ווייסען.

און מיר זענען איבער די שטויבוועגען אוועק, אריי־בער די האָבערפעלדער, און דאָרטען האָבען מיר זיי גע־דאַרפט כאַפּען — די שווארצע שמעטערלינגען.

צווייט קאַפּיטעל קומט.

### צווייט קאַפּיטעל

שווארצע שמעטערלינגען. זענען אָבער נישט אַלע גלייך. א טייל זיינען מיט רויטפּונקטען אָפּגעשאָטען, א טייל זענען בלוי־געל געפלעקט — און אלע זענען שעהנ־פארביג ציטערדיג און ליכט און ווילען לעבען — נישט וועניגער ווי איך, אייער גראַציעזער שלאַנקער דיכטער.

דריט קאַפּיטעל קומט.

### דריט קאַפּיטעל

אביסעל צוריקגעהן צו דער נאטורבאשרייבונג.

ווירער וועט ער זיך ארומשלעפען איבער רויזענגערטנער און הערינגשסיבלער און מיסטבערג, (אזוי ווי איך!) און ווירער וועט ער נעהן שלאַפען — א מיערער, א צעבראָכענער, א פארבענקטער (אזוי ווי איך!)

דער טאָג, דער טאָג! ברענג איהם אריין אין שטוב אריין, געליעבטע! נעם אָן פולע אוינען מיט טאָג און צענים עס אויף מיר אזוי ווי א שווארצען רעגען.

נעם אן א פול הארץ מיט זון, און ברענג עס מיר אין שטוב אריין. ווארים איך בין נישט קיין אנטקעגענטאנ־צער פונ'ם טאָג.

איך בין נישט דער שמש פונ'ם היילינען פריהמאָרגען, און נישט דער דיאקאָן פון דעם בלאָהבלייכען, פארפרומ־טען פארנאכט.

דער טאָג, דער טאָג! טאָג־טעגליך איז טאָג, און טאָג און טאָג.

ווי דערעסען עס איז מיר שוין!

געליעבטע מיינע, געה ארויס און זאָג דער נאָטהיים דיינער אז איך בין אירר מוחל דעם טאָג מיט דער נאכט מיט אלצדינג, איך וועל מיך שוין באגעהן אָהן טעג און אָהן נעכט.

לאָז זי נישט מיינען, אז זי טוט מיר א טובה, די נאָטהיים ריינע!

## דער טאָג

לאַנג איז דער טאָג אויסגעצויגען (אזוי ווי איך!) און ער האָט נישט וואָס צו טון (אַזוי ווי איך!) דרעהט ער זיך ארום לעבען מיין בעט און גענעצט און גענעצט (אזוי ווי איך!).

וועק מיך נישט געליעבטע.

דעם טאָג וועט קיינער נישט צו׳גנב׳ענען, ער וועט זיך ארומבלאָנזשען אזוי לאַנג ביז וואַנעט עס וועט איהם מיאוס ווערען, דאַן וועט ער אהיים געהן שלאָפען. (אזוי ווי איך!)

און ער וועט זיך שווערען, ביי אלץ וואָס איהם איז הייליג אז מעהר וועט ער נישט ערשיינען אויפ׳ן ערד־קוגעל, אָבער ער וועט איבעראַנדערשען זיין מיינונג (אזוי ווי איך!) און מאָרגען אין דער פריה וועט דער טאָג ווידער ארויסקריכען א פארשלאָפענער, א צעפּי־בערטער, און ארומגעהן איבער די קאפּעע׳ן מאכען אַן איינדרוק. (אַזוי ווי איך!)

און פארנאכט וועט ער ווידער מיעד ווערען, און דער קאָפּ וועט איהם ברענען ווי א פייער, און וועט זיך געבען א לאָז אראָפּ הינטער די בערג, א פארצווייפעלטער, א דערשלאָגענער (אזוי ווי איך!).

און ווידער וועט ער זיך שווערען אז אזוי זאָל איהם גאָט העלפען ווי ער וועט מעהר נישט אויפגעהן. און ווידער וועט ער רחמנות האָבען אויף דער נאַכט, וועלכע נעכטיגט נעביך נישט אין דער היים (אזוי ווי איך!) און

## נאַכאַמאָל — א שיף

ווייט אויפ'ן האָריזאָנט ציהט א שיף.

ווי וואָלט איך געוואָלט וויסן וועגן די שיפסלייט וועגן!

און צי האָט דער קאַפּיטאַן נאָלדענע פּאַסן אויף די טרויזען?

און וואו שטעלט ער זיך אָפּ אז ער וויל ווינדינען?

נים עס אוצלבע אינזלען?

די שיף וועגעלט און וועגעלט אלץ ווייטער אויפ'ן שמאָלסטן פּאַס הימעל. דאָרט וואו דער הימעל פלאַכט זיך אויס און קושט דעם בלאָה־בלאָהען ים.

אויפ'ן ראַנד פון הימעל וועגעלט די שיף.

ווי פאַלט זי נים אראָפּ?

בלויז א רויך־לענטע, בלאָה און אונענדליך־לאַנג ציהם פון דעם שטומען קוימען־שטעקיל. ווי א לאַנגע־לאַנגע פּאָדן פלאַטערט די רויך־לענטע אריין אין הימעל און מישט זיך צונויף מיט די וואָלקענס.

און די שיף ווערט א שיפעל, און דאָס שיפעל ווערט אלץ קלענער און קלענער, אָבער דער פּאַס רויך האַלט זי צוגעבונדען צום הימעל.

— — —

ווינשט מיין געליעבטע נאָך א ציגאַר, אָדער הוסט זי שוין?

# וואַנדערלוסט

ליעב האָב איך צו זיצען אין דער היים און האָב איך זומערצייט א וואך פעריען, ווייס איך ניט וואס צו טון מיט זיך.

אָבער דאָס וואָרט געפעלט מיר: וואַנדער־לוסט!

קלינגט שעהן.

וואָס דאַרף מען מעהר?

זענען דען נישט אלע ווערטער אינהאלטסלאָז און די שפּראך א גוט מיטעל צו מאַכען זיך אומפארשטענדליך?

דוכט זיך עמיץ האָט עס שוין געזאָגט אמאָל.

וואַנדערלוסט — ס'ארא מוזיקאליש, געפלי־געלט וואָרט, וואָס טראָגט מיך אוועק ווייט פון הויז און טאָג־טעגליכע געשעפטען.

בין איך אין דער הויך.

אָן אָדלער פּיקט עפּעס א שרעקליכען רויב פויגעל די אויגען אויס — כ'ווייס נישט פאַרוואָס.

און דאָך בעסער אזוי:

שעהנער איז שטארבען אין פעלד פון מיעדקייט איידער אין בעט פון פוילקייט.

וואַנדערלוסט! וואַנדערלוסט!

עמיצער האָט אויסגעשפּרייט פליגלען ווייסע און איך פליה ווייט — — —

איך שפּיי אראָפּ אויפ'ן שפּיץ פונ'ם בארג קילי מאַנזשאַראָ.

## שווינג —

מיין זוהן! דיין פאָטער איז איצט זעהר אויסגעלעגט צו רעדען, דאריבער שווייגט ער. ווייל רייד זענען בלויז רייד. אָבער ס'שווייגען איז א סך מעהר ווי דאָס.

מיין זוהן! צוערשט קומט דאָס גערעדטע וואָרט, וואָס איז כמעט קלאָר און דאריבער נישט פארשטענדליך, דערנאָך קומט דאָס געדרוקטע וואָרט, וואָס איז א ביסעל טונקעלער פון דעם גערעדטען, און דאריבער א ביסעל פארשטענדליכער, דערנאָכדעם קומט די מוזיק וואָס איז נאָך א ביסעל טונקעלער און דאריבער נאָך פארשטענדליכער, און גאָר צום לעצט קומט דאָס געבענשטע געטליכע שווייגען, וואָס איז אזוי קלאָר, אז יעדער מענש — אפילו איינער וואָס האָט א שטום הארץ — קאָן עס פארשטעהן.

מיין טאָכטער, אויב דו ווילסט דיר איינהאנדלען א חתן — זינג נישט און רעד נישט און זיפץ נישט נאָר שווייג איהם אויס מיט די אויגען.

ווייל דער שטארקסטער שטריק, מיין טאָכטער, איז דער גאָלדענער שטריק, וואָס ווערט אויסגעשפינען פון דינעם אויגענגאָלד, און די העכסטע תליה ביזטו אליין, מיין שלאנקע טאָכטער, — א ברכה אויף דיין שעהנעם קאָפּ!

און עס ווערט איהם ווארימער אויף דער נשמה, ליעבלי־
כער, טרייסטפולער.

מיין קינד, דיין פאטער איז שרעקליך פארצווייפעלט,
אבער דאס ביסעל טעגליכע פארצווייפלונג האלט איהם
אויף די פיס, און גיט איהם כח ווייטער צו לעבען און צו
ק ע מ פ ע ן, — אהן א פ, הער שריפטזעצער.

אט־אזוי־זא. דאנקע שעהן!

## האָמאָ סאַפּיענס

מיין קינד, דיין פֿאָטער דער געוואַלדינער קאָפּ־מענטש און האָמאָ־סאַפּיענס, וויצט לעבען זיין קליין שרייב טישעל אין אַטלאַנטיק סיטי, און ווערט נעקעמט פֿון די דינסטע ווינטען און געקושט פֿון די זונינסטע ליידינקייטען וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט, און ער מיהט זיך אויסצוּפּערלען די שענסטע געראַנקען, אַרויסצופּינקלען די רייכסטע נשמה־צירונג — כאָטש דיין פֿאָטער ווייסט זעהר גוט, איז די שפּעטערע דורות וועלען האָבען בילכערע זאַכען צו טון, ווי זיך צו פּאַרטיעפען אין דיין פֿאָטער׳ס נאַרישקייטען, אָדער זיך צו פֿרעהען מיט זיינע קלונשאַפטען.

מיין קינד, דיין פֿאַלאָסאָלער פֿאָטער וויצט דאָ און ערנערט זיך ס׳האַרץ אַרויס, צוליעב דעם וואָס אין ערשטען בוך פֿון זיינע שריפטען האָבען זיך אַריינגעַ־גנב׳עט דרוק־פּעהלערען און וואָס די אידישע שפּראַך אין אַמעריקאַ האָט אַזוי פיעל אַנגליציזמען און דאָס באָדען זיך באַקומט איהם נישט. און די שעהנפּרויענריי נעהמט איהם נישט איין.

מיין קינד, אַז דיין פֿאָטער דערמאָנט זיך אָ: דעם מענשענס לעבען איז ווי אַ שטויב וואָס פֿאַרנערט, ווערט ער אומעטינ אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז ער אַליין, מערקט אייך, ער אַליין, מיט זיין איינענעם מעלאַנכאָלי־שען קאָפּ, איז אימשטאַנד צו טראַכטען אַזוינע געדאַנקען,

צו געדענקען, נאָר אויף צו פארגעסען. פארגעס דיך אין דער ליעבע, מיין קינד, נאָר פארגעס נישט צו צאָהלען אן אנשטענדיגען פריי דערפאר, ווייל די ליעבע איז היינט זעהר טייער, מיין קינד.

## מיין קינד —

מין קינד, — פארליעב דיך אין עמיצען. עס מאכט נישט אויס אין וועמען.

פארליעב דיך, מיין קינד, פון צייט צו צייט, און איך צווישען דער צייט פון פון־צייט־צו־צייט.

מיין זוהן, עס איז בעסער ליעב צו האבען דעם פרעמדסטען מענש אין דער וועלט, ווי זיך אליין.

ווייל די ליעבע צו זיך אליין איז א פלאטאנישע ליעבע, און איך האס די פלאטאנישע ליעבעס.

מיין קינד, עס איז בעסער ליעב צו האבען א נישט פארקאמטע נענעריץ, ווי ליעב צו האבען די באריהמטסטע פערזענליכקייט אין דער וועלט, ווען די דאזיגע פערזענליכקייט איז — דו אליין.

מיט א נענעריץ קאנסטו זיצען ערגעץ אין א שפאציר גארטען און זיך פארגעסען, אבער מיט זיך אליין קאנסטו נישט זיצען און זיך נאריש מאכען.

מיין קינד, דיין פאטער איז אזוי מיעד פון ליעב האבען זיך זעלבסט, אז ער האט זיך אזש פיינט דערפאר און ער טראכט זעהר ערנסט וועגען גט'ען־זיך מיט זיך אליין, אבער ער קאן עס נישט טון, ווייל ער האט אויף זיך שטארק רחמנות, און ער ווייסט, אז אהן זיך אליין, וועט ער נישט קאנען לעבען.

מיין קינד, זיי וויסען אז די ליעבע איז נישט אויף

## טעג און נעכט

מיין קינד, מאך דיר א רייכען בוקעט פון טעג־און־נעכט.

עס איז רויטער ווי רויזען, זעלטענער ווי לאָפּיס־לאַזולי, פייערדיגער ווי קרעלען, פאַרביגער ווי מאַלאַכיט און ריינער ווי אַלפּענשטיינבלומען.

פליק א שעה צו א שעה, א טאָג צו א טאָג, א וואָך צו א וואָך, בינד דאָס איין אין חדשים און ווען דער קראַנץ האָט צוועלף גרויסע פייער־בלעטערדיגע בונטען, — וואַרף איהם הינטער דיין פּלייצע און פאַרגעס איהם.

מיין קינד, דיין מעלאַנכאָלישער פאָטער האָט געזעהן ווי א יונג מיידעל האָט געוואָרפען רויזען אויפ'ן וואַסער דאָרט וואו איהר געליעבטער איז דערטרונקען געוואָרען, און דיין פאָטער האָט געטראַכט אז אונזערע בליהענדיגע טעג זענען רויטע רויזען אויפ'ן וואַסער, רויטע רויזען אויפ'ן ים.

מיין קינד, די בלומען אליין זענען גאָרנישט ווערט, זייער שעהנקייט איז פיעל־שטאַרביג, זייער אָטעם איז א נשמה וואָס פאַרגעהט, אָבער די אַרבייט פון רייסען די בלומען איז זעהר אינטערעסאַנט.

דאַריבער פליק דיינע בלאָהע טעג, מיין קינד, דיינע בלייכע שעה'ן און וואַרף זיי אוועק הינטער דיר.

זיי באַשעפטיגט, מיין זוהן, זיי באַשעפטיגט!

ראזיר־מעסער, מיין טאלאנט, אָבער די חלומות קאָן איך נישט אװעקגעבן, װייל איך פאָהר אויף זיי.

מיין קינד, איך װעל דיר נישט דערצעהלען װאָס די ים־רויבער האָבען מיר געטון. איך װעל דיר נאָר זאָגען, אז װען איך האָב זיך אויסגעכאפּט פון שלאָף האָב איך געהערט װי ערגעץ װאָיעט װיינענדיג א װייטע שיף.

## די ווייטע וואַיענדיגע שיף

מיין זוהן!

דיין פאַטער האָט אַ קנייטש געטון דעם שטערען און ער האָט זיך אוועקגע'חלום'ט איבער די ווייטע ימים.

מיין קינד! דיין פאַטער האָט געזעגעלט אין אַ ווייסער שיף, מיט רויזרויטע זעגלבוימער, און פארפיורירטע ווינטען האָבען אַנגעבויגען די אַקסלען און געשטופט די שיף איבער די גרינשוימיגע וואַסער־וועגען.

מיין קינד! דיין פאַטער איז אַזוי אַבגעפאַהרען אין דער חלום־שיף אַ שטיק־וועג. ס'איז איהם געווען אַזוי גרינג, אַזוי גוט, פונקט ווי אין זיינע אָדערען וואָלט געראָנען די זיסע אייבינקייט און זיין נשמה וואָלט געווען אַ פייערטויער צום כישוף־לאַנד.

אָבער פּלוצלונג האָט פונ'ם וואַסער אַ שטיק שפּיגעל גלאָז ארויסגעוואַקסען, ווי אַן אויג פון אַ. ים־שד עטליכע מאַטראָזען זענען ווי קעץ ארויפגעשפרונגען אויף מיין שיף און באַפוילען:

— גיט אַהער די חלומות אָדער מיר שיסען!

מיין קינד, אַז דיין פאַטער האָט דערהערט די געמיינע רייד פון די ים־רויבערס, האָט ער זיך העלדיש דערשראָקען און געזאָגט:

— ברידער, איך קאָן אייך אוועקגעבען וואָס איהר ווילט, — ס'זייגערל, דעם גאָלדענעם שטעקען, דאָס

## פאַרזעצונג

צווישען אונז ביידען, אן איסגעניכטערטער פרעמדער טאָג — ווי א מאנסביל אין נאכלעסיגע אונטערשטע מלבושים אין א מאנדארינען טעמפעל.

אדער אין א גאליציש קלויסטער.

נידערטרעכטיג!

מעהר פינסטערניש, געליעבטע, מעהר פינסטערניש!

לאָז מיך נאָך אמאָל דערזעהן דאָס פינסטערניש פון דער נאכט און געטרייסט ווערען.

צווישען מיר, דיר, און דער פריינטליכער נאכט האָט זיך א פרעמדער, באלאבאטישער טאָג זיין געצעלט אויפגעשלאָגען, און פארניכטערט אלצדינג, און פארוואכעדינט עס.

דער היינט איז אלט, צעקנייטשט פון דיין מאסיוו לייב, געליעבטע, און ער דופטעט פון מענשליכקייט, אָבער אונזער לאנג־פארגאנגענער געבטען איז פריי ווי א הירש, און אזוי אייביג־יונג, און גליקברענגענד.

געליעבטע מיינע, דו ביזט דער לעבעדיגער חופה־רינג וואָס איז אפּגענוצט געווארען פון דער צייט און האָט זיין ווערט פארלוירען.

און אויסקווארפען דיך, מיין טייערע, איז אזא שאָד, ווייל דו דערמאָנסט מיך אן איהר, אן איהר, מיין איבער־אלעס געליעבטער נאכט, מיט וועלכער איך האָב מיך פארבונדען ביז אין טויט אריין, ביז אין טויט אריין.

# איינזאַם

איינזאם איז די איינזאמקייט, מיין געליעבטע. אָבער טאָפּעל איינזאם איז די צווייזאמקייט.

לאָמיר זיך פארצווייזאמען, געליעבטע, צוליעב די צוקונפטיגע דורות:

נויג־צו דיין ווייס, דורכזיכטיג עלפאנטביין־אויער מיין געליעבטע און האָרך דעם רוף פון אונזער נאָהענטער נאָך נישט געבוירענער צוקונפט.

לאָמיר קעמפען, געליעבטע, צו מאכען די צוקונפט פריי און ענטבונדען פאר דער וועלט.

לאָמיר שטרעבען דאצו, אז אונזער צוקונפטיגער דור זאָל נישט בלייבען אין דער פינסטער.

ווארים:

שעהן ביזטו, מיין געליעבטע, בלאָנד ביזטו, יונג ביזטו, און אזוי פול מיט א רייכער, אומרוהיגער, טומעל־דיגער צוקונפט.

און וואָס וועט זיין דער תכלית דאפון?

געליעבטע מיינע, לאָמיר מעהר־וועניגער קעמפען דערפאר, אז אונזערע קינדער זאָלען קאָנען לעבען אויף דער וועלט.

לאָמיר דעמאָקראטיש זיין, געליעבטע. און לאָמיר טון אונזער פליכט פאר אונזער קינדער׳ס פאָטער־און־מוטער.

## מעטאפאָרען

דיין זילבערנער גירטעל, געליעבטע, איז די קייט וואָס נעמט ארום מיין צוקונפטיג לעבען.

דיין גירטעל, געליעבטע, איז די זילבערנע רייף וואָס האלט צענויף מיין ליידינגען איצט מיט מיין פרוכטבארען שפּעטער.

מיינע הענט האָב איך ארויסגעשיקט, געליעבטע, און זיי בלאָנזשען ארום ווי צוויי מיעדע, פארשלאָפענע קינדער ארום דיין זילבערנעם־גירטעל־געגענד.

טרייב נישט אוועק מיינע ארימע, פארבלאנזשעטע הענט פון זייער ירושלים, געליעבטע !

פארשטוים נישט די צוויי עלענדע וואנדערער פון דעם פייער וואָס גליהט אין דיינע לענדען, געליעבטע !

עס איז זיי אזוי אומעטיג די צוויי בלייכע, בלאַסע, בלינדע, בלאָנדע וואנדערער, וואָס בלאָנזשען ארום כמעט אויף די שפּיץ פינגער.

האָב רחמנות, געליעבטע !

## עלטער און יונגער

זעהט מיין נאָטיצביכעל!

זעהט מיין פּ ר י וו א ט נאָטיצביכעל.

זעהט די וואונדער פון מיין פריוואט נאָטיצביכעל! זעהט אזוי פיעל מיידעל־נעמען אנגעצייכענט אין מיין ביכעל, און וואָס ע ל ט ע ר די שריפט איז, אלץ י ו נ ג ע ר איז מיר דער נאָמען.

וואָס אָפּגעמעקטער דער נאָמען אלץ קלאָרער איז ער מיר, אלץ דייטליכער.

ווי וואונדערבאר דאָס איז!

דער פרויען נאָמען וואָס איך האָב איהם ערשט נעכטען אריינגעשריבען אין מיין ביכעל, איז מיר עלטער און אומבאקאָנטער, ווי די נעמען וועלכע איך קאָן שוין קוים איבערליינען.

די אלטע האלב אָפּגעמעקטע נעמען ווי דייטליך איך קאָן זיי פארשטעהן, ווי קלאָר איך קען זיי לייענען — אפילו אהן ברילען.

אָבער די נייערע?

לאנג קוק איך אויף זיי און פארשטעה זיי נישט.

דורך די בעסטע ברילען לייען איך זיי און זיי זענען מיר נישט קלאָר.

איז דען דאָס נישט קיין רעטעניש, מיינע ליעבע־נעטרייע?

אלטע, אָפּגעמעקטע מיידעל־נעמען פון מיין נאָטיצ־ביכעל — איהר זענט דער איינציגער, קלאָרער, אנגע־נעהמער, פיינער לעזעשטאָף אויף וועלכען איך פאר־ברענג מיינע לאנגווייליגע טעג.

שוואַרצער ד׳אַנונציאָ־באָרד, האָט נעביך זיין גאַנצע פּראַקטיקע פאַרלוירען.

רער אָרימער דאָקטאָר.

רער זעהר מענשליכער דאָקטאָר!

## צווײ

די שעהנע האָט געזאָגט:

וואָס פאר א פּרעכער מענש מײן דאָקטאָר איז! ווי נישט שעהן ער באַנעמט זיך מיט די פרויען!

און זי איז געווען רויט און פאַרשעמט, און העכסט פון־זײן־צימער־ארויסגעהענדיג. אין די שעהנע אויגען האָבען ביי איהר געברענט מיט א קליין, חן'עווריג וואלד־שרפה'לע, פון באַליידיגונג, און איהרע באקען זע־נען געווען ווי צוויי רויטע רויזען פון דעם שיר־השירים־גאָרטען ארויס.

און זי האָט באַשלאָסען:

זי וועט מעהר צו דעם דאָקטאָר נישט געהן. ער איז צו פּרעך, צו מאנסביליש, צו טעמפּעראמענטפול.

די נישט־שעהנע האָט געזאָגט:

וואָס פאר א קאלטער מענש דער דאָקטאָר איז! ווי אנשטענדיג ער באַנעמט זיך מיט זיינע פרויען!

און זי איז געווען ציגעל־רויט און פאַרשעמט. אין איהרע אויגען האָט געברענט א שטיל שרפה'לע פון באַ־ליידיגטען פרויען־שטאָלץ, און איבער איהרע ברעמען האָבען צוויי יונגע טרערען געוואָלט אראָפּשפּרינגען און באַגעהן זעלבסטמארד.

און זי האָט באַשלאָסען:

זי וועט מעהר צו דעם דאָקטאָר נישט געהן. ער איז צו קאלט, צו גלייכגילטיג, צו אנשטענדיג.

און דער דאָקטאָר, מיט דער פיינער געשניצטער

## פריילײן שװעבעלע

— א בלאָנד קעפּעלע א שערנס, אויף א שלאַנקען קערפּער, אָבער — ס'איז אומעטיג.

שרעקליך אומעטיג!

און אין איינעם מיט א סך אנדערע שװעסטער ליגט עס ביי זיך אין דער היים און — ס'איז אומעטיג.

עס לאכט נישט.

עס ברענט נישט.

עס װאַרעמט נישט.

אומעטינע, קאַלטע, בלאָנד־קעפּינע יונגפרוי!

װי פרום דו ליגסט אויף דיין געלעגער, װי אומשול־דיג, װי נישט־געפעהרליך!

נאָר אַט האָט דיך א האַנט אַנגעריהרט, א גלעט גע־טאָן דעם בלאָנדען קאָפּ דיינעם אויף זיין ארבעל און — דו שטעהסט שוין ביז איבער'ן האַרין אין פייער. און דו פארלירסט ס'שעהנע, בלאָנדע קעפּעלע דיינס און דו פאלסט, פאַלסט, אין דיין אייגען פייער.

און דו נעהסט אויס — װי א ליכט.

און דו שטאַרבסט פון בושה דאַפון װאָס דו האָסט דיך געלאָזט אָנצינדען פון א גלעט, דאַפון װאָס דו האָסט זיך דיר געלאָזט פארברענען — אָהן א חופּה־רינגעל.

װעה געשריגען!

## דאָס מוטערל ערד

נישט מיין טעמא, נאָר עס מאַכט נישט.
אביסעל ערנסט גיט צו קאָלאָריט און גוטער טאָן איז
צו האָבען א מיינונג וועגען אונזער אָרדנונג.
האָב איך מיר באטראכט די איצטיגע געשעהענישען
און אין כעס געוואָרען.
דאָס מוטערל ערד איז מיט בלוט פארגאָסען, ווי א
צעביילטער חזיר.
צופיעל בלוט זויפט די אלטע — ווערט פעטער און
פעטער.
און עפענט נישט איהר פייערשפּייענדיגען מויל און
פרעסט נישט אויף דאָס נארישע מענשען־געזינדעל.
איהרע שווייגען־קינדער.
קיין ריהר טוט זיך נישט — פון מאָראלישער ענט־
ריסטונג — איהר פעט לייב.
אונבאוועגליך בלייבט איהר גרויסער, קאָלאָסאל־
אויסגעזינדינגטער קערפּער. זי איז אלט און שוואך און
וויל פעט ווערען און צוקריגען א גוידער אויף די על־
טערע יאָהרען.
נעמט דאָס מוטערל ערד ווארימע בלוט־בעדער, און
פעטער און געזונטער ווערט זי פון טאָג צו טאָג.
און טון טוט זי דאָס נישט צוליעב זיך, נאָר צוליעב
איהרע ק י נ ד ע ר — די מענשען.
זיי זאָלען האָבען א געזונטע מאמע.
דו שווייניש מוטערל ערד!
דו!

## װעגן היסטאָריע

מײן טאַכטער, היסטאָריע איז אַ גרויסע פּאַסקודסטװע און זי איז שולדיג אין אַלע װעלט־אומגליקען.

מײן טאַכטער, די היסטאָריע פֿאַרשרײַבט זיך זעלבסט, װײַל װען עס זאָל נישט זײַן קײן היסטאָריע, װאָלט נישט געװוּסט װ ו אָ ס צו פֿאַרשרײַבען.

קינד מײנס, דײַן קלוגער טאַטע, (32 יאָהר אַלט, פֿאַרהײַראַט,) האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין דער היסטאָריע און ער איז געקומען צום שלוס, אַז זי איז דאָס גרעסטע אומגליק.

מײן טאַכטער, די היסטאָריע איז דער זכרון פֿון דער װעלט, איהר אונשטערבליכקײט. און פֿאַרװאָס נאָך שטאַרבט דען אַ מענש אַזױ גערן, װי פֿאַר אונשטערבליכ־קײט ?

„כדי די היסטאָריע זאָל אַרײַנשרײַבען" — קױלעט מען אױס אַ האַלבע װעלט. „כדי די היסטאָריע זאָל אַרײַנשרײַבען" — לאָזט זיך דער זעלנער אױפֿזועבלען דאָס האַרץ, אָדער דער קאָפּ. „כדי די היסטאָריע זאָל אַרײַנשרײַבען" — שטרעבען מענשען נאָך רײַכקײט און נאָך כבוד. „כדי די היסטאָריע זאָל אַרײַנשרײַבען" — זיצען טױזענדער געזונטע צװײ־הענטיגע מענשען און שפּיעלען זיך מיט קונסט און ליטעראַטור.

מײן טאַכטער. די װעלט־געשיכטע איז די געשיכטע פֿון דער װעלט־געשיכטע זעלבסט.

יונגערמאַן אַרום, אין אַ שאָל איינגעוויקעלט, און — שפּיים איבער׳ן פּלוים גרויסע שטיקער בלוט אַריבער.
און הוסט — מיט אַ שרעקליכען כריפּ.
קרעהט ערגיץ אַ האָהן און עס סקריפּעט אַ קייט פון אַ ברונען.
דער רעגען קאַפּעט, קאַפּעט, נעצט מיין לייב דורך.
הערט, יונגערמאַן, איהר זענט ערנסט קראַנק. טוט איהר עפּעס דערצו?
— יאַ. איך פאָהר אַלע צוואי וואָכען צום רבי׳ן.
עס קרעהט דער האָהן. מיר פאָהרען אַ לייטיג בער־גיל אַרויף און לאָזען דעם טויט־בלאַסען יונג אין טאָל איבער —
צווישען אַזיאַטען.
צווישען לאַנדסלייט.

# א גענ י ץ —

ערגיץ אין א גאליציש דאָרף.

פון ווייטען פאָהרען בין איך מיער, צעבראָכען.

פאָהרט ס׳נוי׳עשע פוהרעל צו און אכסניא צו.

קאפעט א קליין, מיער רעגענדיל.

שלאָנגען — דורך די לאָנקעס — גראָהע, שלעפערינגע וואסערלעך.

פאשען זיך עטליכע שפיצינ־ביינערדינגע קיה, מיט הונגערינגע קוה־אויגען.

ביי א מיסט־בארג בלייבען מיר שטעהן: וואָה־אָ! די אכסניא.

פערעלדינ־גראָה איז דער דרויסען. דאָס דאָרף שלאָפט נאָך.

לינקס — איז און אויסגעבוינען קלויסטער אויף א בארג.

פאלען די ערשטע גלאָקען־קלאנגען ארונטער.

אזוי טעלאנכאָליש!

איך וויל אריינגעהן אין דער אכסניא און קען נישט — דער געשטאנק לאָזט נישט.

איך געה צוריק ארויס אין דער נאסקייט.

אין מיין לאנגען, שווארצען מאנטעל, ראזירטע וואָנצען, זעה איך אויס ווי א גלח.

לינקס — א קליינער סאָד. געהט דאָרט, צווישען די עפעל־ביימלעך, א שאָטען־שטילער, טויט־בלייכער

## די פינפטע עוועניו

ביים טיי־טיש איז אידיש א פאסענדע שפראך. אויך ביי קאווע און פוטערקוכען. אבער ביי וויין מוז מען פראנצויזש רעדען.

און לירישע אינספיראציאן קומט נישט פון די ארבייטענדע מאסען, נאר פון די שעהנע דאמען פון דער פינפטער עוועניו.

אט אזוי רעדט איך ארונטער דעם אידישען פראלעטאריאט, ווייל איך מאך פון איהם א לעבען:

זאלען אלע ארבייטענדע נאראנים וויסען, אז איך בעדויער זיי ווען איך האב צייט, אבער ליעב האב איך די זאטע און די רייכע.

דען בלויז א זאטער קען אפשאצען די שעהנקייט פון הונגער. און בלויז די פינפטע־עוועניו קורטיזאנקע קאן אפוועגען די באנאלע שניידערין־אומשולד.

דאס אפענע, נישט־שעהנע, אפגערעקטע לעבען פון זומער איז פרעמד דער פינפטער עוועניו.

זי שטעלט איהר צייטיגע ברוסט נישט ארויס פאר דעם הונגעריגען קינד נייגירדע, און דעקט אויך איהר אומשולד אין שמאטעס נישט איין.

ביים טיי־טיש און ביים הערינג־טעלער איז אידיש א וואוילע שפראך, אבער אויף עלעגאנטע איינפאלען איז נויטיג פראנצויזיש.

כדי דער איינפאכער לעזער זאל נישט פארשטעהן, און דער אינטעליגענט זאל הנאה האבען.

# מיין ווינטער־חלום

א ווייטע שניי־מדבר.
די נאַרישע ווייסקייט בלענט די אויגן.
און די אונענדליכקייט שרעקט.
סילט דעם מח מיט קאַלטע מחשבות אָן.
אזוינע משוגע־ניכטערע.
אַהין וועל איך אוועקגעהן און מיטנעמען:
ס'נאָלר פון אייערע אויגן.
דאָס זילבער פון אייערע געלעכטערס.
די דימענט־שטיינדלעך פון אייערע טרערן.
די פערלען פון אייערע ליעבעס.
און ערגיץ־וואו, אין דעם טויזענד־מאָל־פאַרפרוירענעם ים־מדבר, וועל איך, מיט מיין אייזערנעם קנאַפעל, אָן עפנונג אויסהאַקען.
און דאָס אַלעס אריינוואַרפן — אינאיינעם מיט מיין האַרץ.
און אריינשפייען.

— — —

אָט אזוי גיב איך זיך א שרייב — כלומרשט אויפ־גערעגט און שרעקליך פאַרביטערט.

## נאָכאַמאָל — ליעבע

אומפארשעמט בין איך און אויף אייערע נערוועז שפיעל איך — פער שטונדע.

„דער שטויב פון דער וועלט איז אויף מיר געפאַלען“, דאריבער טראָג איך אין מיין יונגען הארץ משותלת־אלטע נארישקייטען.

איך וויל אייך אלעמען, פאַרן אויסנאם, דערצעהלען פון מיין געליעבטער מיט דעם שווארצען צאָפּ.

אונטער׳ן מאסט־בוים פון א שיף, באלויכטען פון עטליכע הענג־לאמטערנעס, וואָס ציטערען העט אויבען ווי אויסגעריסענע אויגען פון א מענש, האָט זי מיך ביייז געקושט און געזאָגט:

— וועט איהר שוין, אלזאָ, א טעמא האָבען פאר א ליעד?

— דו שעהן, נאריש מיידעל — האָב איך געזאָגט, און געקוקט צו די פארביגע הענג־לאמטערנעס — זיי וויסען, אז איך קוש נישט קיין מיידלעך כדי צו קענען זינגען, נאָר איך זינג כדי צו געפעלען ווערען מיידלעך און זיי קושען.

און ביי די דאָזיגע ווערטער האָב איך זי צו זיך פעסט־פעסט צוגעדריקט און איהר — א ליעד פאַרגעלעזען.

— — —

אומפארשעמט בין איך און אויף אייערע נערוועז שפיעל איך — פער שטונדע.

לעבט פון ליעבע און פון איהרע פאָלגען, און דעריבער לעבט זי אזוי לייכט, אזוי חן'עווריג.

ליעבע איז א לייכטע און חן'עווריגע אינדוסטריע, מיין טאָכטער, און זי דערהאַלט א סך מענטשן ביים לעבען.

מיין טאָכטער, איך און דיין מוטער ווענען א י י ן מענש און איך בין ד ע ר איינער.

אזוי האָט געזאָגט מישר נאדיר און איז אנשלאָפען געוואָרען איבער דעם מאנוסקריפט.

## ווי אַלעמאָל — ליעבע

מיין טאָכטער, אויב די ליעבע איז א באַזינגבאַרע זאך, דאן האָב איך נישט קיין צייט זי צו באַזינגען — איך וועל בעסער די דאָזיגע צייט אויסנוצען אויף צו ליע־בען. און אויב ליעבע איז נישט אזא גרויסע זאך, מיין טאָכטער, צו וואָס זינגען וועגען איהר? סיידען אויף באַשטעלונג.

טאָכטער מיינע, געה נישט מיט דיין געליעבטען אין פּאַרק, ווייל דאָרט איז פאַראן צו פיעל לופט. און גוטע לופט איז שעדליך פאַר דער ליעבע, ווייל זי לייטערט אוים דעם מח און האַלט איהם ריין.

געה אויך נישט מיט דיין געליעבטען צום ים, מיין קלוגע טאָכטער.

דען דער ים בייט זיין דרויסענדיגקייט און ווייזט זיי־נע קאַפּריזען. ער שעמט זיך נישט צו זיין זעהר שלעפּ־פעריג, נאָכדעם ווי ער איז ערשט געווען זעהר שטורעמ־דיג. און דו פאַרלאַנגסט אז דיין געליעבטער, זאָל זיין אייביג שטורעמדיג און ווילד.

און אז זיין ליעבע צו דיר זאָל זיין זיין הויפּט־באַ־שעפטיגונג.

און אז ער זאָל אייביג קושען די זאַמדיגע ברעגעס פון דיין טרוקענער רוהיגקייט.

מיין טאָכטער, די גאַנצע ליטעראַרישע פּראָפעסיע

# אדיעקטיוועז

שעהנע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר אפרייסען
זיך פון אייער מוטערצווייג?
שעהנע קארשען שוויינגען.
רויטע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר אין מיינע
אויסגעשפרייטע הענט אריינפאלען?
רויטע קארשען שוויינגען.
ליעבע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר ווילדע
פויגעל זאלען אייערע יונגע לייבער אויסשטעכען?
ליעבע קארשען שוויינגען.
פיינע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר די זון זאל
אייער שמעקענדיג בלוט פון די אדערען אויסטרינקען?
פיינע קארשען שוויינגען.
צייטיגע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר דער
ווינד זאל אייך אין א פרעמד לאנד פארווארפען?
צייטיגע קארשען שוויינגען.
זאפטיגע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר עהר־
ליכע ווערים זאלען אייערע רויטע הערצלעך דורכפרע־
סען?
זאפטיגע קארשען ציטערען אויף און פאלען אויף
מיינע ליפען ארויף.

# אַ שטימונג

בייטאָג טראַכט איך: ווען קומט שוין די נאַכט?
און ביינאַכט טראַכט איך: ווען קומט שוין „זי“?
זי קומט נישט.
אומעטיג.
אין פריהלינג טראַכט איך: אָט באַלד וועט זיין זומער און איך בין אַזוי אונענדליך פאַרהייראַט.
אין פריהלינג טראַכט איך: אָט רוקט זיך אונטער דער ווינטער מיט זיינע שניי־שטורעמס, ווען עס איז אַזוי נוט צו אומאַרמען אַ מיידעל און חלום'ען פון זומער.
און אין זומער טראַכט איך: אָט באַלד וועט זיין ווינ־טער און עס וועט זיין אַזוי שעהן צו האַלטען אַ מיידעל אויף דיין שוים און טרוימען פון זומער.
און זי קומט נישט.
איז אומעטיג.
און פון גרויס אומעטינקייט ווער איך קלוג און טראַכט:
יענע וואָס איך האָב שטאַרק נעגלוסט צו קושען און האַלזען, האָב איך קיינמאָל נישט געקושט, און יענע, וואָס איך האָב אַזוי האַרציג געקושט און געהאַלזט, האָב איך קיינמאָל נישט געגלוסט צו קושען און האַלזען.
און איך ווער מעלאַנכאָליש און ציה אָן דעם וואַנד־זייגער.
ציה איך אָן.

# ווענען זיך אליין

— איהר רעדט פון זיך אליין.

— איך בין אן אינטערעסאנטער מענש.

— איהר רעדט צופיעל וועגען זיך אליין.

— איך האב פיעל לענדער דורכגעווייזט, א סך גע־זעהן. מיינע שטיוועל טראגען אויף זיך דעם שטויב פון פיער וועלט־טיילען.

— איהר רעדט צופיעל וועגען זיך אליין!

— איך האב פיעל ליעבעס געשפיעלט און נישט פארשפיעלט, פיעל ביכער געלעזען און נישט פארשטא־נען, פיעל וויין געטרונקען און נישט שכור געווארען.

— איהר רעדט צופיעל וועגען זיך.

— אויף מיין הארץ ליעגט די אלטקייט פון א גאנץ פאלק, דער שימעל פון הייסען עגיפטען.

— איהר רעדט צופיעל וועגען זיך.

— דאס האט אלץ געזאגט דער העלד פון מיין ער־צעהלונג!

— אה, דאס איז עפעס אנדערש. א העלד — פאר־שטעה איך...

# דער רעגען

דער רעגען האָט געזונגען איבער די פעלדער און די גראָזען האָבען אויפגעלעבט.

דער רעגען האָט געזונגען איבער די פעלדער, און די פויגעל האָבען פון די נעסטען מיט אומעטיגע, שווארצע פאטשערקע־אויגען ארויסגעקוקט און זיך צום היי גע־טוליעט.

דער רעגען האָט געזונגען איבער די פעלדער, און די בערג זענען גרינער און ליכטיגער געוואָרען.

דער רעגען האָט געזונגען איבער די פעלדער, און א וואנדערער, וואָס איז אונטערוועגס מיט נאסע פיס גע־גאנגען, האָט דעם זינגענדיגען רעגען געשאָלטען, און די בערג און די פויגעל און די פעלדער.

דען דער מענש האָט געהאט א שווערען קאטאר און זיינע ביינער זענען געווען א וואוין־אָרט פאר הייםלאָזען רומאטעס.

און דער מענש איז ניט געווען איך.

איך היט מיר די פיס.

## די סטראַשידלע

אין אַ גרויסן, משופּע'דיגן ווייצן־פעלד האָב איך זי געזען — די אויסגעשטאָפּטע פיגור, מיט אַ מאַנס־בילש רעקל, אַ הוט און אַ פּאָר הויזן.

ווייט, אין מיטן פעלד, איז די סטראַשידלע געשטאַנען מיט צעשפּרייטע העמד אַרבל, פון וועלכע עס האָבן זיך און אַ פּאָר ווייסע מאַנזשעטן אַרויסגעזען און געראַרפּט אָפּשרעקן די יונגע, חוצפּה'דיגע פויגל וואָס פּוסטן די קערנער פון די זאַנגען אַרויס'גנב'ענען.

און איך האָב געזען:

אויף דעם טוכענעם הוט פון דעם בלומרשט'דיגן פעלד־פריץ מיט מאַנזשעטן זענען אַ טשאַטע נישט־צע־שראָקענע יונגע פויגל געשטאַנען, און יערע פּאַמשערקע־אויג פון די פאַרשייטע פייגל האָט הויך געזאָגט:

— ווער שרעקט זיך פאַר דיר, דו נאַרישער פּריץ מיט די מאַנזשעטן ?...

# אַלעם וואָס ענדיגט זיך.

די ענדע!

פארוואָס זאָל זיך אלעס מוזען ענדיגען — זאָגאר אן אמוזירענדע נארישקייט?

אויב עס געפינען זיך אין דער נאכבארשאפט דיפּ־לאָמירטע הערען פון דער שווייץ, זאָלען זיי ענטפערען!

פארוואָס זאָל מען נישט קאָנען אָנגעהן ביז דער ווייטסטער אייבינקייט, און פארגעהן ערשט אין לעצטען שטויב?

אומגעפעהר אזא פראגע.

פארוואָס זאָלען אלע פארגאנגענע זאכען זיין שעהן און אלע געגענווערטיגע באגעבונגען — מיאוס און קליין?

איז דען די געגענווארט פון היינט נישט די פארגאנ־גענהייט פון מאָרגען?

ווארום זאָל איין זון־אונטערגאנג זיין אזא שונא פון א נ ד ע ר ע ן?

און ווארום זאָלען בלומען בליהען און וועלקען, און וועלקען און בליהען? — צו וואָס אזוי פיעל אומגויטיגע ארבייט פון דער געטליכקייט, ווען עס איז פיעל פּראק־טישער צו מאכען די וועלט פאר אן אייביגען וויינגאָרטען, און אלע מענשען פאר נביאים מיט ווייסע בערד? — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויב עס געפינען זיך אין דער נאכבארשאפט דיפּלאָ־מירטע הערען פון דער שווייץ, זאָלען זיי ענטפערען, אז נישט פאָהר איך אוועק אויף עטליכע טעג!

# א באַרג

בײ אונז אין שטעדטעל איז פאַראַן א באַרג.
איז בײם ליעבען לעזער אין שטעדטעל אויך פאַראַן,
א באַרג?
אויב נישט, דאַרף ער נישט רויט ווערען.
ס'מאַכט נישט אויס.
נישטאָ איז נישטאָ.
נאָר פונדעסטוועגען איז א באַרג א ניצליכע זאַך.
א גוטער ברודער — פאַרשטעלט ער.
ווען מען באַדאַרף.
און די גוי'עם אין די פעלצען און די אידען מיט די
נישט פאַרקאַמטע בערד אויף דער זײט באַרג זעהען
נישט, וואָס אויף יענער זײט טוט זיך.
— — —
זי האָט געהייסען: קאַסיא.

העלף דיר וואשען ס'געשיר,
גיב די קינדער מטבעות,
רעד מיט'ן שכן וועגען די דארדאנעלען.
רוף דיך: מיין טויב.
לאז מיך שכור זיין, ליעבע פרוי!

## איך בעט דיך —

לאָז מיך שכור זיין, מיין ליעבע פרוי.

דען אומגליקליך בין איך, ווען איך בין ניכטער.

אזוי ביין.

פארבימערט.

רעוואָלוציאָנער.

שלאָג די קינדער פון אומצופרידענהייט מיט זיך אליין.

מייטעל אויף דיינע פארגאָלדעטע, קינסטליכע אויבערשטע ציין.

שריי, אז איך וועל אנטלויפען פון דער אומציכטיגער שמוב.

פון די שלעכטע בלינצעס.

שכור וויל איך זיין, מיין ליעבע אומשולדיגע פרוי.

ניכטער מיך נישט אויס מיט'ן וואסער פון ווירקליכקייט.

דען אין וואסער שפיגעלט זיך אָפּ מיין אמת'ע נעשטאלט.

מיין ווילדער קאָפּ האָר, די אויסדרוקסלאָזע אויגען, די לאנגע און פארהאָרטע הענט.

לאָז מיך שכור זיין.

אז איך בין שכור, בין איך גוט.

## סענטימענטאַל

אביסעל ליריק.
מיין שטעדטעל. א לבנה־נאכט.
ס'איז שטיל.
שטיל.
די גוטע לייט שלאָפען און חלום'ען פון א ברוין שטיק ברויט.
מיט פוטער.

ערגעץ אויסער'ן שטאָדט ארום דעם פארוואָרפענעם בארג פון ווייסען ליים שטעהט דער אלטער ברונען.

דער ברונען־קאסטען איז מיט וואלד־שוואָמען באַוואקסען. דער עמער הענגט אין דער הויך אויף דער פאראָסטעטער קייט און פון איהם טריפען טראָפענס וואסער ארונטער.

קאפ, קאפ!

אפשר האָט זיך דעם ברונענ'ס הארץ צעוויינט — צו טיעף האָט מען פון איהם געשעפט?

די קאלטע נאכט־שטערען ארט עס נישט —

ווי ס'ארען זיי נישט די שטילע טראָפענס, וואָס פאלען — אין די פאר'חלום'טע נעכט — פון מיין אויג אראָפ.

— — —

אלטמאדיש, אָבער נישט אלע קאָנען עס.

# אין מוזעאום

נעהמ אין מוזעאום און באטראכט די שעהנע בילרער.

לויפט נישט. נעהמ לאנגזאם.

נעהמ לאנגזאם און באטראכט די פיעלע פרויען־נעד־שטאלטען אויפ'ן לייוועגט.

מאכט געוויסע קונסט־באמערקונגען און האט הנאה פון אייערע קלוגע רייד.

רעדט וועגען אטמאספערע, ושאנר, מיליע און פוטוריזם.

ס'איז שעהן!

נאר אז איהר ווערט מיעד און איהר זעצט זיך אוועק אויף א באנק אפרוהען ניט א טראכט:

פאר יעדען פרויען־בילד, וואס ערגיץ א לומפ־קערל א מאלער האט געמאלען, איז געשטאנען א מארעל־מיידעל.

וואס איז דער סוף פון די אלע מארעל־מיידלעך?

פרעגט ביי די ציניש‏ע קונסט־סטודענטען פון פאריז.

זיי וועלען אייך אנווייזען א מ א נ ד א ל ע נ א וואס שטארבט פון א וועגערישע קראנקהייט.

און א ו ו ע נ ו ס וואס נעהמט ארום איבער די הייזער וואשען וועש.

און א ד י א נ א וואס פארקויפט זי צו שכורים פאר א פראנק.

ניט זיך די מיה, ליעבע צושויער, און טראכט וועגען זיי!

# עלעגיע

און עלענד בלעטעל פלאטערט אויפ'ן בוים.
הערבסט.
קראהען דרעהען זיך ארום אין דער הויך און קראקען
דיר אזא אומענדליכע שווערקייט אין הארצען אריין.
און די זון געהט אויף,
געהט אונטער —
געהט ווידער אויף.
אזוי לאנגווייליג.
אז דו ביזט טרויעריג,
ווי נאך א רייכען איבערזאטען מאלצייט.
אדער האבענדיג איבערגעלעזען א בוך פון איינעם,
וואס איז אונענדליך גרעסער פון דיר
און טאלאנטפולער.
און נאך טרויעריגער איז עס וואס —
איך בין אליין דער הערבסט.
דאס עלענדע בלעטעל.
די שווארצע קראה.
די מידע זון, וואס געהט אויף און געהט אונטער
און געהט ווידער אויף אהן א זין און ציעל.
איך בין אליין דער זאטער מאלצייט.
דאס פיינע בוך.
דער טאלאנטפולער קינסטלער.

— — —

קעלנער, צו גלעזלעך טיי פאר אלעמען. מיט
לימענע!

## פישפאנג און ליבעליי

שרייבט מיר א חבר:

צווישען אנדערס לאז איך דיר וויסען אז איך בין ביים ברעג ים און כאפ פיש.

עס איז א גרויסער ספארט.

נישט די פיש — נאר דאס כאפען.

קיים פארבלוטיגט א צאפעלדיגער פיש אויף מיין אנגעל, ווארף איך איהם צוריק אין וואסער אריין.

דען בלויז אין פאנגען ליגט דאס גליק.

שרייב איך צו מיין חבר:

ליעבער חבר! דיין פיש־פאנג דערמאנט מיך אן מיינע יונגע ליעבעס.

ווי אפט בין איך געזעסען גאנצע טעג אין וואלד און געווארט אויף א פאנג.

איך האב נישט גענוצט קיין האנד־נעץ און קיין אנגעל.

איך האב גענוצט שעהנע, געשליפענע ווערטער.

ווי פעריל.

און גאלד.

און בלומען האב איך אין האנט געהאלטען.

און אזוי איירעל געזיפצט.

און האב איך דאס נארישע הארץ געפאנגען און צעבלוטיגט, האב איך עס צוריק אין וואסער געשליידערט.

ד ע ן ב ל ו י ז א י ן פ א נ ג ע ן ל י ג ט ד א ס ג ל י ק.

אדיע!

## מיין נייער אנצוג

איך קויף מיר א נייעם אנצוג, פוץ זיך אוים, רייניג אוים די נעגעל, שמיר אָן די האָר מיט פעטס זיי זאָלען גלאנצען, נעם דעם שפאציר־שטעקען אין האנט און פארלאָז מיין פארהייראטע פרוי.

זוך אוים איג'ם נאָטיץ־ביכעל די אדרעסען פון אמאָ־ליגע געליבטע און נעה.

פרעג זיך אָן ביי שכנים, קלעטער אויפ'ן פערטען, פינפטען שטאָק און בין ענטוישט.

ארויסגעצויגען.

חתונה געהאט.

כמעט אלע פון מיינע געליעבטע זיינען מעהר־ווע־ניגער פארהייראט און יעדע פון זיי האָט א מאן וואָס קאָן דערלאנגען אזא ראָמאנטישען יונגערמאן, ווי איך, פיינע, געזונטע פעטש און —

מיר אויסשמירען מיין נייעם אנצוג.

מיין זומערדינגען.

דרעה איך מיך ארום איבער די גאסען אן אויסגע־פוצטער מיט דעם געפלעקטען שפאציר־שטעקען אין האנט און — לאנגווייל זיך.

סעהר זיך אום א היים, ווארף אראָפ פון זיך דעם נייעם אנצוג, דערלאנג דער קאַץ איבער'ן קאָפ מיט'ן שטעקען און בייזער זיך אויף מיין געזעצליבער פרוי.

און קאָן זיך נישט בארוהיגען.

# מיין אויג.

ווי אין אן אפענעם לייבען־טויל ווארף איך מיין אויג אלצדינג אריין.

אי בויגינע יונגפרוי־געשטאלטען.
אי אוראלטע קעניג קברים.
אי מערש, אי טענץ פון אידישען טעאטער.
אי זונאונטערגענג פון עגיפטען.
אי ליניען פון קופער־דויטע בערג.
אי שרפות מורא׳דינע,
אי ים־וועלען וואס קיצלען דעם הימעל הינטער די ריפען.

גערטנער טויזענדע ווארף איך צו מיר אין אויג אריין.
וועלט אונטערגענג און פאראדען! לויות און וואסער־פאלען!
די שווייץ, איטאליען און באלטימאר,
דעם רוסישען באלעט און אן איבערגעפאהרטען קינד.
הימלען און רעגענשירעמס.
שטערען און שיכבענדלעך.
פליי און עלעפאנטען.
אָ אויג, מיין אויג! דו אונערזעטליך אויג!
דו אלץ־פארשלינגענד אויג!

און אפילו אויף דעם פאפיער, אויף וועלכען אָט דער שילט־שפּרוך ווערט דיר אויפגעשריבען, לויערסטו ארויף און לאכסט מיט דיין קאלט און בלאס געלעכטער.

דו, אלט־ווייבערישע לבנה — דו, נייגעריגע אלטע אונשולדיגע מויד, וואָס נעמסט קיין אָנטייל נישט!..

# די לבנה

דו, לבנה!

אין אלטע דאך־שפּאַלטען קריכסטו, אין פענסטער פון שאַנד־הייזער און אויך, להבדיל, אין שוהל־ריינינ־קייטען. אין אלעס און אין אלעמען זעמינסטו דיין בלאַסען נייגיער.

דו פאַרפּאַלנסט רעם מערדער, בעת ער גראַבט זיין טעמער אין א מענשען־האַרץ אריין, און דערקוטשעסט די פאַרליעבטע, וואָס טוליען זיך איינס צו ס׳אַנדערע פאַרשעהמטערהייד.

דו ביזט אזוי שרעקליך צודרינגליך, אַלטע לבנה!

גלימשסט זיך אויף די קאַלטע געוועהר־שפּיצען פון נוסס׳ע זעלנער און לויערסט אין די קאָץ־אויגען פון פאַלשע, אויסגעלאַסענע פרויען.

און ווער קען דיך פאַרטרייבען?

אויף אַלטע, פאַרשטויבטע טראָהן־בענקלעך שפּרייט־סטו דיינע שפּין־נעצען אויס און אין די דאך־שטיבלעך פון אָרימע גנבים ביזטו פאַראַן.

דו וואַכסט און זעהסט אזוי פיעל!

האָסט דאָס געזיכט פון א נביא און ביזט אין גרונד בלויז א נאַריש ווייב, וואָס האָט ליעב דורך דאַך־שפּאַלטען אַ:נטערקוקען.

# פארגעסענהייט

קראַנקע, עלטער־שוואַכע געדאַנקען, פארלאָזט מיין הארץ און לאָזט מיך פריי ווערען.

ווי רעטונגס־שיפלעך אין א שטורם־געפעהרליכען האַפען האָב איך אייך צונויפגעזאמעלט, אייך מיט קייטען צום ברעג צוגעשמידט און פאר נויט זיך באוואָרענט.

איצט זענט איהר מיר צופיעל געוואָרען, און אזוי געדיכט איז דער האפען מיט רעטונגס־שיפלעך באדעקט, אז אין נויט־צייט וועל איך זיי פון ברעג ריהרען נישט קענען.

און הער איך אייערע קייטען קלינגען, איהר גע־שמידטע געדאנקען־זקנים פיהל איך א רחמנות צו אייך, אָבער אָפבינדען קען איך אייך נישט. איך קען אייך נישט באפרייען.

און איצט וויים איך נישט מעהר: זענט **איהר** גע־פאנגען ביי מיר, אָדער **איך** ביי **אייך**?..

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זשעסט: גרויסער, אלמעכטיגער גאָט! איך פאָדער פון דיר זאָלסט מיך לאָזען פארגעסען, אָדער — שטארבען.

## צו די שרים

איך לאָר אײַך, ליעבע שרים, צו קומען צו מיר.

מײַנע מירען און פענסטער זענען פאַר אײַך שטענדיג צוגעמאַכט.

קומט אַרײַן דורך די שפּאַרעס.

וועט איהר זיך פּיהלען היימישער.

קומט צו מיר, איהר שרים, און באַלעבט מיך מיט אַ פּאַרציע פון אײַערע שוידערהאַפטע גרוילטאַטען.

אפשר קענט איהר אַרויסרופען בײַ מיר אַן אינטע־רעסאַנטען שוידער, אַ פאַרגעניגענדען ציטער איבער מײַן חוט־השדרה.

איך וועל אײַך דערפאַר פאַרקויפען מײַן נשמה און צונעבען מײַן שלאָף־יאַרמולקע.

איהר מעגט דאָך זעהן, אַז איך האָב אַ פּליך.

פאַר אײַך וועל איך זיך ווייזען אין מײַן גאַנצער פּליכעוואַטער אײַנפּאַקקיים.

און די שרים׳טעס דאַרפען זיך פאַר מיר אויך נישט שעמען.

זאָלען זיי זיך ווייזען אַזוי נאַטירליך ווי מענליך.

איך וועל דאָס שרים׳שע אין זיי דערקענען אפילו ווען זיי זענען מוטער־נאַקעט.

איך האָב דאָס געלערנט פון ערפאַהרונג און באַצאָהלט אַ פּרייז.

ליעבע שרים, קומט צו מיר און אונטערהאַלט מיך.

# די זעגעל שיף

זעהט איהר:
די ווייסע זעגעל־פליגעל האָבען וואָלקענס אויף זייערע ברעגען — ציהען זיי לייכט און רוהיג אין דער בלאָה־גראָהער ווייטקייט אריין.

ליעבע שיף, וואוהין בלאָנזשעסטו אוועק?
דו ווערסט מיד, שיף, נישט אָפּנארען! איך ווייס, ביי דיר אין דיין אינגעווייד זענען די גליקליכע צוויי מענשען־קינדער פאראנען.

ער איז יונג, שטארק און פול מיט פייערדיגען בלוט.
זי איז צארט און בלאס און געאיידעלט און מוז איהר לע־בען ביי זייגע גליהענדיגע אויגען ווארימען.

אויפ'ן דעק זעה איך זיי ביידען: דאָס קראַנקע פּרינ־צעסין־מיידעל און דעם איבער־שטארקען בחור, וואָס גיסט דורך זיינע אויגען גאנצע שטראָמען לעבען אריבער.

און א חוץ דעם ווילדען ים זעהט קיינער זייער גליק ניט צו.

סיידען אמאָל א נייגעריגער בלאסער שטערען־שטראהל, וואָס קלאמערט אין א מיידעל־טרער זיך איין.
און ס'בליצט דימענט אויף דימענט.

אָבער די אַלטע, ערנסטע לבנה, — זי גיט זיך מיט אזעלכע קלייניגקייטען נישט אָפּ.

ליעבע טייערע שיף, שטעל זיך אָפּ. איך וויל מיט דיר מיטבלאָנזשען און מיט יענע צוויי גליקליכע אונטערגעהן.

# א לעגענדע

האָב אמאָל געלייענט וועגען דעם א ליער ערגיץ אין א נארישער צייטונג.

איבריגנס זענען אלע צייטונגען נאריש.

א חוץ די פאראיאָריגע.

און אינטערעסאנטע באמערקונג.

גלייך צום אינהאלט. נאָר נישט אומגעדולדיג ווערן, מיינע פריינט.

איך האָב מיט אייך אויך געדולד!

איצט: אמאָל איז געווען א פרינצעסין, יונג, שעהן, צארט און הייליג — ווי געוועהנליך.

האָבען אלע איהר כבוד אָפּגעגעבען. גערופען זי „מלאך", „הייליג", „בלאָנדע געטין" און אזוי ווייטער.

נאָר אמאָל זענען עטליכע זקנים פארבייגעגאנגען און אָרט — מסתמא א טייך — וואו די פרינצעסין האָט זיך געבאָדען, און זיי האָבען איהר נאקעט לייב דערזעהן.

און זענען העכסט ערשטוינט געוואָרען!

וואו איז זי דען א מלאך? און אויב יאָ — איז זי פיעל מלאך'דיגער, פיעל — ווי זאָלען זיי זאָגען? — פיעל געשעצטער ווי וועלכער־עס־איז ענגעל. פיעל אינ־טערעסאנטער... פיעל... פיעל...

און די זקנים האָבען די אויגען נישט געקענט אָפּ־רייסען.

אזוי דערצעהל איך מיר א לעגענדע.

## די שענסטע רויז

אין מיין גאָרטען איז זי געוואקסען די מעלאנכאָלישע, זילבער־מאטע רויז.

פון אלע רויזען די צארטסטע און איידעלסטע.

און איהר שטאָלצער, וויבער־בלאסער קערפער, האט זיך קאָפּ־הויך איבער די אנדערע רויזען געשטרעקט.

און זיי פארשעמט.

און נידעריג געמאכט.

און אלע אין דער פריה פלעגען די קליינע רויזען וויינען:

— אונזער שוועסטער פארשעמט אונז.

— צוליעב איהר זעהט מען אונז נישט ארוים.

— באוואונדערט מען נישט אונזער פיינעם רופט, און אונזער שעהנע פארב.

האָב איך די טרערען פון די קלענערע רויזען נישט געקאָנט פארנעמען.

האָב איך די שענסטע פון אלע רויזען פון איהר מוטער־צווייג אראָפּגעפליקט און אויפ'ן פעלד פארוואָרפען.

דאָרט דערצעהלט זי, אין די לבנה־נעכט, איהרע חבר'טעס, די קליינע פעלד־בלומען, די לעגענדע פון שעהנקייט —

און פון פארדארבען.

און די קליינע פעלד־בלומען שאָקלען קלוג מיט די געליי קעפּלעך און זיפצען.

# אויסגעטראַכטע זאַכען

זיי שוין ביים טיש אָט אזוי אַ: ער דאָ — — — — —
און זי — — — — — — — — — — — — — דאָרט.

* • *

מאָראל: קאָנען מיר, הייסט עס, מאכען אילוס־
טראציעס אויך. ווער וואָלט זיך עס געוועזן געריכט אויף
אונז, צוריק מיט דריי יאָהר, תא?

היים געליעבט? יאָ. וואו? אין פראָנט רום. וויפיעל? אכצעהן דאָלאר א חודש, מיט עלעקטרי. בילינ? יאָ. נישט זעהר טייער.

ווי אזוי איז צוגעגאנגען די ליעבע? פליעז, ערקלערט דייטליך מיט אן אילוסטראציע. אָללרייט. מיר'ן ער־קלערען דייטליך מיט אן אילוסטראציע.

אין דער ערשטער צייט פון זייער ליעבע פלעגען די צוויי יונגע מענשען זיך טרעפען ביי איהרע עלטערען אין הויז און זיצען אויף דער זאָפא פון זייער פראָנט רום, וועלכע איז געווען זעהר א גראמע זאָפא. רעדען ווע־נען די געבראָטענע טויבען — פאָסטען, פון זייער שוין אביסעל־צו־נאָהענטער צוקונפט, און דאן פלעגט אויס־קומען אז זי פלעגט זיצען דאָ, און ער — — דאָרט.

שפּעטער מיט א שטיקעל צייט, פלעגען זיי שוין נישט רעדען פון די געבראָטענע טויבען — פאָסטען פון זייער פארהייראטען לעבען, נאָר פון פ אָ נ י ט ש ע, פלע־גען טרוימען אויף א שלעכטשען אידיש, ווענען א בעט פון אמת'ן קארשען־האָלץ, און א דעמבענעם בופעט און זיצען פלעגען זיי זיצען טאקע אויף דער זעלבער זאָפא, נאָר זי פלעגט שוין נישט זיצען הי, און ער — — — דאָרט, ווי אין דער אילוסטראציע נומער איינס, אָנשטאט דעם פלעגט ער זיצען דאָ־און־זי־דאָרט.

אין א פּאָר חדשים ארום האָט זייער ליעבע געביטען די פּאָזיציע. און אָנשטאט ווי פריהער, פּער אילוסטרא־ציע נומער צוויי, וועלכע איז שוין גענוג נאָהענט צו דער־ווייטערען אפילו די יונגסטע און נאָהענטסטע צוויי מענ־שען, זענען זיי שוין איצט געזעסען אָט־אזוי א — ער־דאָ און־זי־אויך־דאָ.

דער סוף פון דער געשיכטע איז געווען אז פון צו־פיעל ליעבע האָבען זיי חתונה געהאט און איצט זיצען

# אילוסטרירטע ליעבע

ער איז געווען — אָדער א בחור, אָדער א פארהייראטער מאן.

זי איז געווען אָדער א מיידעל, אָדער — ס׳געגענטייל.

פראגע: האָבען זיי זיך מסתמא, ווי דער שטייגער איז, געליעבט?

ענטפער: ריכטיג געטראָפען!

צוריקפראגע: אויב אזוי, טו וואָס איז דאָ דער חידוש? עס איז דאָך גאנץ נאטירליך?!

צוריקענטפער: געדולד, מיינע הערען! געדולד. די געשיכטע הויבט זיך ערשט אָן צו ענטוויקלען. עס וועט זיין א וואונדערבארע געשיכטע — — —

הקיצור, פליעז, וואו האלטען מיר? מיר האָבען זיך פארטראכט און דערזוייל פארגעסען וואו מיר האלטען, אהא! מיר האָבען זיך שוין דערמאָנט: מיר זענען געבליבען שטעהן דערביי, ווי זיי האָבען זיך ליעב געהאט! אָסור זאָל אונז זיין, אויב מיר האָבען אפילו א קוק געטון אויף דעם וואָס מיר האָבען פריהער אָנגעשריבען! מיר געדענקען עס אויף אויסענווענינ. מיר האָבען א וואונדערבארען כח הזכרון, האָבען מיר! אָפטמאָל ווייסען מיר אליין נישט, פון וואנעט עס נעמט זיך צו אונז אזא אייזערנער זכרון.

הקיצור צום צווייטען מאָל: זיי האָבען זיך געליעבט.

ער אהער? ענטפערט ער אונז מיט א שטארקען הוסט: ס'האָט זיך מיר פארגלוסט א סוכה  האָט זיך מיר פאר־גלוסט! — האָב איך זיך צוגעקיהלט און געגאנגען פון דער וועלט. קכע!

* * *

מאָראל: מצוות — פונקט ווי עבירות — זענען אַפט זעהר שעדליך פאר'ן געזונט.

שפעטער אז לעמילבעריש איז אונטערגעוואקסען און געוואָרען א... גנב, האָט דער שניירקעשענע־שותף צו איהם געזאָגט:

— לעמילבעני (ער האָט שוין געהייסען לעמילבעני), לעמילבעני, אויב דו וועסט אי"ה ארויסגנב'ענען ביי ראָ־קענפעלערן ס'ווייסעל פון אויג וועסטו זיין א מענש און עסען אין סוכה.

— דיינע ווערטער גיבען מיר אין מוט — האָט גע־זאָגט לעמילבעני און איז איועק גנב'ענען.

שפעטער מיט צוואנציג־דרייסיג־פערציג יאָהר איז איז אונזער לעמילבעני'ן אויסגעקומען א טאָג פאר סוכות צו דער'הרג'ענען צוויי אידען האָט ער זיך א ביסעל גע־קווייטקעלט, אָבער זיין שותף האָט איהם ווידער אונטער־געגעבען מוט מיט דעם צוזאָג, אז אויב ער וועט דער־הרג'ענען די צוויי געווייסע אידען וועט ער זיין א מענש און — וועט עסען אין סוכה.

אזוי זענען געגאנגען די יאָהרען.

נישט געשטאנען אויף קיין אָרט.

די סוכות'ן זיינען געקומען און — פארשוואונדען גע־וואָרען — און — ווידערגעקומען.

אונזער לעמילבעריש איז געוואָרען אלט און אָפגעך־שוואכט, הן פון זיצען אין געפענקעניש און הן פון לעבען 24 שעה אין מעת לעת אָהן אויפהער, אָבער אין סוכה האָט ער נאָך אלץ נישט געגעסען, מחמת ס'איז איהם נישט אויסגעקומען. האָט ער געזאָגט צו זיך זעלבסט: לעמילבעני, דיין שטונדע האָט געשלאָגען. ביזט אלט און שוואך און האסט נאָך גארנישט געגאָסען פון דער סוכה. זיי א מענש האָט ער פארענדיגט זיין זעלבסטרעדע מיט די נאקעטע ציין — זיי א מענש און גיי עסען אין סוכה.

---

שפעטער מיט א וואָך טרעפען מיר שוין אונזער העלד אין גן־ערן (רעכטס) און אויף אונזער פראגע: ווי קומט

## געגעסען אין סוכה

אמאָל איז געווען א מענש האָט ער געהייסען לעמיל־בעריש, איז ער געווען זעהר א מאָדנער לעמילבעריש — צווישען אלע לעמילבערישעס דער לעמילבעריש־סטער, אזוי צו זאָגען.

און אן עקשן.

׳צאַך אמאָל איינגעשפּארט, אז ער מוז זיך שמד׳ען און ווערען א גוי מיט א פּעלצעל. האָט זיין מאמע — אונז צו לאנגע יאָהר — זעהר געוויינט און געבראָכען די הענט, און געבעטען:

— לעמילבערישעל, קעצעלע־פּיינעלע־בערעלע־קרוי־נעלע מיינס, — שמד זיך נישט! טו צוליעב אן אלטער מאמען.

און דער פאָטער זייגער האָט צוגעגעבען:

— זיי א מענש, לעמילבעריש. וועסטו עסען אין סוכה.

— דו נארסט נישט אָפּ טאטע? האָט געפרעגט לעמילבעריש, מיט א פינגער אויפ׳ן טאטען, ביזט זיכער אז איכ׳ל עסען אין סוכה?

— זיכער.

— ווער זאָל אזוי לעבען, טאטע?

— איך זאָל אזוי לעבען, לעמילבעריש!

— גוט! — האָט געזאָגט לעמילבע. — וועל איך זיך נישט שמד׳ען אויף א גוי מיט א פּעלציל און בלייבען אן עוויגער יודע, ביז אין טויט אריין.

ריהמטער דיכטער מיט די קאמפליצירטע קראנקהייטען און מעכטיגען טאלאנט.

* * *

מאראל: ווי נאריש און קלוג און אידיאטיש און טיעפזיניג די מענשען זענען.

געטון א זופ פון׳ם זויערען וויין און גענומען זידלען דעם בעל־הבאנקעט אזוי שטארק ווי מעגליך.

נאָך אירם האָט גערעדט א צווייטער און א דריטער און א פערטער קאָלעגע, און ס׳האָט אויסגעזעהן, אז די ליעבע חברים האָבען זיך פארוועט, ווער עס וועט וועמען אריברשטייגען אין זידלעריי און אין ביטערע שטעכיגע ווערטער אויף דעם אדרעס פון דעם דיכטער, צו עהרע פון וועמעס קאמפליצירטע קראנקהייטען און מעכטיגען טאלאנט מ׳האָט אראנזשירט דעם באַנקעט.

אז דער עולם איז שוין געווען אָנגעטרונקען מיט זויערען וויין און די ז י ס ע בליקען פון חנ׳עוודינע מיידלעך, האָט זיך גענפענט די טיר און ס׳איז אריינגעקומען א פרעמדער איד פון גאס, זיך אָנגעגאָסען א גלעזעל וויין און הערענדיג ווי יעדער פון די פארזאמעלטע זידעלט דעם מאן וואָס זיצט העט־אויבען ביים טיש, האָט ער גע־געבען א קלאפ מיט׳ן פויסט ס׳זאָל ווערען שטיל און ער האָט אריינגעזאָגט די פאָלגענדע רעדע:

— פריינדע! — האָט ער געזאָגט — איך בין א פרעמדער מענש פון גאס. איך קאָן נישט קיינעם פון אייך און ווייס נישט ווער איהר זענט, נאָר הערענדיג די גע־שרייען אין דרויסען, בין איך ארויפגעקומען. און איך וויל זאָגען—נישט קאָנענדיג קיינעם פון אייך—אז דער מאן וואָס זיצט העט־אויבען (דאָ האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם בעל־הבאנקעט) איז מסתמא א שטיק ניקס, אַן אויס־וואורף, א פאסקודניאק און קאָן נישט אָנשרייבען קיין צוויי שורות. לחיים!

— לחיים! לחיים! האָבען אלע חברים געשריען און געטראָגען דעם פרעמדען אידען אין דער לופטען — הידד!

און אלע זענען געווען העכסט פרעהליך. א חוץ דער באַ־

# א באַנקעט

אַמאָל איז געווען אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ קינסט־לער.

האָט ער געדיכטעט און געשריבען און געקינסעלט ביז זשעניאַליטעט, אַזוי לאַנג ביז וואַנעט ער איז געוואָרען גראָה און אַלט, און דער מיסטישער האר פון יענער וועלט אין דער שוואַרצער פּאַלערינאַ, האָט גענומען ווינקען צו איהם און איהם רופען שמילערהייד.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז ער האָט בלויז אַ האַרץ־ניערען־לעבער־לונגען און פיס קראַנקהייט, און זיינע חברים די קינסטלער האָבען געזאָגט: אויב אַזוי, טו לאָמיר זיך אַ נעם טון אַלע צוזאַמען, און מיט פּאַראייניג־טע קרעפטען איהם מאַכען אַ באַנקעט. האָט מען כמעט ווי גענומען אַ זאַל, איהם אויסגעפּוצט מיט פּראַכטפולע קאַלענען און קאַלענינען ונם זייטינע מענשען, און דער באַנקעט האָט זיך אָנגעהויבען.

דער דיכטער — לכבוד וועמעס קאָמפּליצירטע קראַנקהייטען און מעכטינען טאַלאַנט מ׳האָט אַראַנ־זשירט דעם גרויסען באַנקעט, איז געזעסען אויבען־אָן, אַביסעל פאַרשעהמט פון דעם גרויסען כבוד וואָס מען טיילט איהם צו און געמאַכט — אין געדאַנק — אַ גרויס ליעד אין פּייקע.

קאַלענע אבימלך האָט זיך (נאַטירליך) אויפגעשטעלט,

שראָקען פּנים און פינטעלדיגע אויגען — נעמט ער און געהט אוועק צו זיין, אָ, געליעבטע, און ער וויל איהר, אָ, ערקלערען ווי אזוי זיין הארץ פלאקערט, אָ, שרעקליך צו איהר, אָ, און אָ!

נעהט ער אריין אין דאָקטאָר׳ס אָפּיס — טרעפט ער דאָרטען קיינעם נישט, נאָר דעם דאָקטאָר אליין, אור־זאכע? פארוואָס דעם דאָקטאָר אליין — אוואו זענען די פּאציענטען? — האָבען מיר נאָך נישט צוגעטראכט.

אפשר שפּעטער מיט עטליכע טעג.

דערווייל ווייסען מיר נאָר אזויפיעל, אז דער בחור מיט די פינטעלדיגע אויגען שטעהט אין אָפּיס און אנט־קעגען איהם שטעהט דער אלטער, טרוקענער אומראָמאנ־טישער דאָקטאָר.

מאכט צו איהם דער יונגערמאן:

— העם... כ׳האָב געוואָלט הייסט דאָס... כ׳בין אריינ־עמהע־געקומען, ווייל איך האָב עמהע געוואָלט אוים־עמהע־געפינען צי דאָס־עמהע...

און ער טאַפּט זיך ארום קראגען און הוסט, ווי עמעם וואָלט איהם געדרושעט.

קוקט איהם דער דאָקטאָר אָן און זאָגט:

— אָה! איך וויים שוין וואָס דאָס איז! ס׳איז ביי אייך א פארקיהלונג אין האלז — צוויי ראלאר, פליעז!

גיט איהם דער יונגערמאן — פאר שרעק — צוויי דאָלאר, נעמט איהם דער דאָקטאָר אריין אינוועניג אין קאבינעט, רייבט איהם אוים דעם האלז מיט א בעזימעל און שיקט איהם אהיים.

* * *

מ אָ ר א ל: באווייזט פאר א דאָקטאָר, אז איהר האָט צוויי דאלאר און... איהר זענט נישט זיכער מיט׳ן לעבען.

## דער פארליבטער און דאָס בעזימעל

ער איז געווען אַ בחור אין די יאָהרען, אַ היצינגער, אַ קאָכיגער, און פ ו ל  מ י ט  ל ע ב ע ן, ווי אַן אלטער מאטראַז, וואָס מען דארף איהם פארברענגען. —

אזוי פול מיט לעבען איז ער געווען.

וואָס זשע האָט ער געטון? — האָט ער זיך פארליעבט.

אין ועמען? — אין אַ דאָקטאָר׳ס אַ טאָכטער.

פארוואָס אין אַ דאָקטאָר׳ס אַ טאָכטער? ענטפער: מחמת די מעשה פאָדערט עס. אז נישט וועט נישט ארויסקומען דער וויץ און מיר וועלען אויפהערען אָנצו־מאכען דעם געוועהנליכען רושם מיט אונזער טאלאנט.

הקיצור: ער איז פארליעבט אין אַ דאָקטאָר׳ס אַ טאָכטער — זעהר אַ שעהנע, זעהר אַ וואוילע, זעהר אַ יונגע, זעהר אַ בוזעמדיגע, זעהר... פארשידענע זאכען.

איינמאָל ביינאכט, ווען עס האָט געטון שיינען די שיינענדיגע לבנה, און די פארקס פון העסטער־טשערי סטריטס, האָבען גענומען שמעקען מיט... שלאָפענדיגע אידען וגם דאמען, האָבען זיך ביי אונזער בחור אָ נ ג ע־צ ו נ ד ע ן  ד י  נ ע ב ל י ט ע ן און ער האָט געפיהלט, אז זיין הארץ איז פול־פול־פול מיט ליעבע און אז די גע־פיהלען זענען ביי איהם אזעלכע הייסע, אזעלכע ברע־נענדיגע, אזעלכע צאפעלדיגע, אז ס׳איז אַ שרעק אין דער וועלט.

נעמט דערדאָזיגער יונגערמאן — לאָמיר זיך פאָר־שטעלען, אז ער איז אַ הויכער בחור מיט אַן איבערגע־

אבות־אבותינו זענען דאָ געבוירען געוואָרען און, ווי מ'זאָגט, דאָ פארלוירען געוואָרען.

איז קעגען דעם וואָס איהר זאָגט, אז דאָס וואָס בוינגט זיך, ברעכט זיך נישט — האָב איך עס מאקע אליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. בעיני ראיתי. אָט מיט די צוויי אויגען, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר' שעמשעל. די גרעסטע און שטארקסטע בוימער זענען אויסגעלייגט געוואָרען ווי די שאָף, נאָר איינס: א קליין ביימעלע, א מיזערנע, אַ גאָרנישט, א שפּעטנע זאך, — א נוס־בוימעל, דאכט זיך, מיט עט־ליכע דינע ריטלעך, אָט דאָס איינע ביימעלע איז זיך געשטאנען אָן א זייט און איז — אויך צעבראָכען געוואָ־רען פון ווינד.

* * *

מאָראל: דאָס בוימעלע פאלט נישט ווייט פון'ם שטורעמדעל.

ס'איז ביי מיר פארליינט די נאָז, איז מיר שווער צו רערן.

...איז — דער וואלד. פארלויפט זיך אמאָל א מעשה, אז דהינו וואָס? דהינו סע טוט א ברעך אויס אזוי א שטורעם און — פון די גרויסע, נישט פון די אָפּ־געגארטע שטורעמדלעך, וואָס אָט גיט עס א בלאָז און אָט הערט ער אויף! סע שטורעמט, סע רודערט, סע ברעכט. סע קערט וועלטען — עפּעס ווי די גאנצע וועלט וואָלט, נישט דאָ געדאכט, משוגע געוואָרען, אזוי ראַיעט עס און סע זידט וואו־הו, און נאָך אמאָל „וואו־הו"... מיט א געוויין, און מיט א פייף, פון די אמת'ע וויכערס.

און אין דערפעל ביי אונז — (דער וואלד איז געווען נישט ווייט פון דאָרף) הערט מען סע ברעכט! ער ליינט אוועק — א בוים נאָך א בוים, א דעמב נאָך א דעמב. זיי פאלען ווי די שפענער. און וואָס? סע האָט עפּעס א ווערדע ביי דעם רוצח, ביי דעם ווינד, ביי דעם וואלד־גזלן? ער האָט עפּעס רחמנות? און די גוים געהען ארום אין די פעלצען צעשראָקען און מורמלען: סע קערט זיך איבער די וועלט. הלואי, די וועלט זאָל נישט אונטערגעהן. גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר' שעמשעל, זעהר ווארילע טאבעקע ביי אייך. טאזוי!

איז אז דער שטורעם האָט זיך געליינט, און דער וואלד האָט זיך אביסעל בארוהיגט, בין איך מיט נאָך עטליכע אידען אוועק אין וואלד, א קוק טון וואָס סע הערט זיך, און וואָס טויג עס אייך ר' שעמשעל? — איך האָב נאָך אזא חורבן נישט געזעהן! דער גאנצער וואלד איז גע־לעגען אויף דר'ערד. אויסגעבראָכען, אויסגעשלאָגען. צו־דרעהט די צווייגען און דעמבעס — פון די גרעסטע. יעדער דעמב איז געווען אזוי גרויס — ווי זאָל איך אייך זאָגען? — אָהן א גוזמא, העכער פון שוהל־דאך, להבדיל. אמת'ע עצי־יער — וואלד בוימער, וואָס זייערע

## דער, וואָס בויגט זיך

עס קומט צו רייד קעגנען דעם, וואָס איהר זאָגט: בויגען זיך און אז דער וואָס בויגט זיך — ברעכט זיך נישט. אודאי שמעקט דארין א טיפער אמת. מען דארף עס נאָר קעגנען תופס זיין. איך וויל אייך — קעגנען דעם — דערצעהלען א מעשה׳לע, א מין משל. איהר זאָלט מיר מוחל זיין דער־פאר וואָס איך האָב א נאָס געטון. איך האָב היינט אזא פארקיחלונג, נישט פאר אייך געדאכט.

הויבט זיך עס אָן אזוי: אמאָל איז געווען א וואלד — ווי סע מאכט זיך אמאָל, א וואלד. ניט א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. טאזוי! איז א וואלד. ווי דער שטיינער איז פון א וואלד, איז דאָרט פאראן אלערליי בוימער. גרויסע בוימער. גרעסערע בוימער און אויך קליינע בוימער — פיצעלעך, אָט־אזוי־אָ די גרויס. נישט גרעסער. נוס־בוימלעך — צי וואָס. ווער קען זיך דאָרטען אויס אין זיי!

הקיצור, ניט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. טאזוי. איז וואו האלטען מיר? אין וואלד. נישט קיין קליינינגקייט. ווי דער סמבטיון. סע רוהט נישט. סע בלאָזט. סע שטורעמט. סע לעגט איין וועלטען. און — שטעהן שטעהט עס נאָך אויף א ווינטיג אָרט — אויף א ריכטיג ערטעל, ניט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל,

פארשטעהט זיך.

איינמאָל האָט ער זיך באקאנט מיט א מיידעל נישט פון זיין „קרייז", נאָר א ציווילנע, אזוי צו זאָגען, נישט קיין איבער־מיידעל, נישט קיין פשיבישעווסקי־נערין. נאָר א געוואנטע און פול מיט תנ'עוודיגסטען חן.

ווי עס טרעפט אמאָל מיט מיידלעך!

האָט ער זיך אין איהר פארליעבט און זי אויסגע־נומען אין פאר. דאָס איז געוועזן ביינאכט. פינסטער. רוישען פון טראמוויי. נאכטיגאלען. ערגיץ וויט־וויט. הימעל, לבנה, שטערען — אויפ'ן פלאַץ. בווימער — בוי־מערען אונטער. פראכטפולענטציקענד.

קוקט ער אויפ'ן הימעל, זיפצט אָפּ אויף דעם שטיי־נער פון בלעטעל 480 פון א ראָמאן און ווייזט אָן אויפ'ן הימעל:

— זעהסט יענעם בלאַנזשענרען שטערען!

יאָ, זי זעהט.

— איך בין אויך א בלאַזשענרער שטערען!

און בענייביי טוליעט ער צו זיין קאָפּ צו איהר ברוסט, און זיין שטערען נעמט בלאַנזשען אהער־און־אהין, אהין־און־אהער, א. אז. וו.

נעמט דאָס מיידעל און שטרעקט אויס די האנט און גיט איהם א פארפאָהר איבער'ן בלאַנזשענרען שטערען, אז עס ווערט איהם פינסטער אין די אויגען, זידעלט איהם אָפּ און — אנטלויפט.

* * *

מאָראל: נישט אלע מיידלעך געפעלט, אז א שטערן בלאַנזשעט צופיעל ארום.

## דער בלאָנזשענדער שטערן

אַן אינטעליגענטער בחור. רעדט פיין רוסיש און לשון... הרע. לעזט סאלאָגוב׳ען און שפּיעלט זעהר גוט אין... ליעבע.

מיידלעך קלייבט ער זיך אויס מאָדנע: בלויז נידרינ־געוואקסענע, מיט קליינע נעזלעך און מאסיווע — ווי אַנגעדראָפּטשעט מיט די פּיס.

אַן אָריגינעלער מענש!

און אַ שטיקעל טאלענט צום שרייבען האָט ער אויך! אַז די מיידלעך דערזעהן איהם, טיימלען זיי מיט די פינגער און זאָגען: אָט דאָ געהט מאָטיע, דער זעהר אומבאַקאנטער דיכטער.

נאָר דהוקען—דרוקט ער זיך נישט. ער וויל זיך נישט אַראָפּלאָזען צום עולם — וויל ער נישט. וואָס קענען מיר איהם טון?

אַז ער צעקריגט זיך מיט אַ געדרוקטען ליטעראַט וואַרפט ער איהם גלייך אויף: „ביזט אַ ברייטע מאַסע!“ און... ער שפּייט אויס אין דער זשמעניע אַריין, מחמת ער האַלט נישט פון נאָז־טיכלעך — האַלט ער נישט.

אָריגינעל!

פרעגט מען איהם: „מאָטיע! ?“

ענטפער ער: „איך בין אַ בלאָנזשענדער שטערן — בין איך. אָט וואָס!“ און ער נעמט ביי איך אַ צי־גאַרעטעל.

ערשט פערד,
פערט פערד,
צווייט פערד,
פינפט פערד,
זעקסט פערד,
דריט פערד.

אַנשטאָט דעם, איז ביי איהם אויסגעקומען אזוי:

ערשט פערד,
פינפט פערד,
פערט פערד,
צווייט פערד,
דריט פערד,
זעקסט פערד.

אז דער קניאז האָט זיך געכאַפּט, אז ער האָט גע־מאַכט א טעות, איז ער געוואָרען נאָך מעהר דערצאָרענט און ארויסגענומענדיג די שווערד פון שיידעל, האָט ער אויסגערופען:

— פאַרפלוכטער ציגיינער! דו האָסט דיינע פערד פאַר'כשופ'ט! האָב דיר אבציג שווארצע יאָהר צוזאַמען מיט דיין טאָכטער!

און ער איז אוועק כאַפּען — א הלואה ביי א אידען.

* * *

מ אָ ר א ל: האָבען מיר שוין, הייסט עס, איבער־גענגט קאָפּיע.

פערט פערד,
צווייט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד,
דריט פערד.

האָט דער קניאז געלאַכט און געמאַכט כאַ־כאַ, דאָס איז נישט קיין קונץ און ער האָט אויסגעשטעלט די פערד אָט־אזוי ווי דער ציגיינער האָט איהם געהייסן — הינו:

ערשט פערד,
פערט פערד,
צווייט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד,
דריט פערד.

אָבער ווי איבעראשט איז געוואָרען דער קניאז, אז ער האָט דערזעהן, אז דאָס פערד נומער צוויי איז גלייך ארויס פון שורה און זיך געשטעלט באלד נאָך נומער איינס, און נומער דריי האָט זיך געשטעלט גלייך נאָך נומער צוויי און אזוי ווייטער. אין צייט פון א האלבער מינוט זענען שוין די פערד געשטאַנען צוריק אין דער פאָלגענדער אָרדנונג:

ערשט פערד,
צווייט פערד,
דריט פערד,
פערט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד.

אז דער קניאז האָט דאָס דערזעהן, איז ער געוואָרען זעהר שטאַרק פארשעהמט — ער זאָל נישט קאָנען טון אזא קלייניגקייט! האָט ער נאָך א מאָל געפּרובט אויס־שטעלען די פערד, אָבער דאָס מאָל האָט ער פארגעסען, אז נאָכ׳ן ערשטען פערד מוז קומען ס׳פערטע, ווי מיר האָבען דאָ אויבען געוויזען, געמליך:

קיין רענעלע קאפיע האבען מיר היינט נישט, נאר אויב איהר ווילט א מעשה מיט זעקס פערד, ווילען מיר אייך דערצעהלען. ווילט איהר?

מאכט די רעדאקציע צו איהם: אלרייט. זאל זיין א מעשה מיט זעקס פערד, אבי סע זאל זיין לייכט, פאקענר, באלעהרענר, אמוזירענר און העכסט־ושעניאל.

האט דער שרייבער גענומען דערצעהלען:

אמאל איז געווען א רייכער ציניינער האט ער געהאט זעקס וואונדערבארע פערד האט ער זיי באצייכענט מיט זעקס נומערען, הינו:

ערשט פערד,
צווייט פערד,
דריט פערד,
פערט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד.

מיט די דאזיגע מושטירטע פערד, פלעגט דער רייכער ציניינער רייטען איבער די העכסטע בערג און איבער די טיפסטע טאלען און אומעטום וואו ער האט געטראָפען א מענשען האט ער איהם אפגעשטעלט און ביי איהם צוגענומען נאר דאס גוטס.

האט דער דאזיגער ציניינער געהאט א טאכטער — שעהן ווי די וועלט. און קלוג ווי דער טאג. האט זיך צו איהר גע'שדכנ'ט א רייכער קניאז, וועלכער האט אויך זעהר האלד געהאט פערד.

האט דער ציניינער צו איהם געזאגט: ליעבער קניאז, אויב איהר ווילט מיין טאכטער, קאנט איהר מיט איהר חתונה האבען נאר — מיט א באדינג.

וואס איז דער באדינג?

ער זאל אויסשטעלען די זעקס פערד אזוי, אז זיי זאלען שטעהן א צעהן מינוטען אין דער פאלגענדער ארדנונג:

ערשט פערד,

## געדאַנקען־עקאָנאָמיע

אמאָל איז געווען א שרייבער — נישט אזא וואָס שרייבט בלויז איינמאָל אין 28 יאָהר און איז א גרויסער טאלאנט און אלע רעדען פון איהם, אז ער איז אן אונער־מיעדליכער זשעניע, און אז אָט־אָט, אקאָרשט מען־זעהט־נישט, נימט ער זיך א זעץ אוועקעט און נימט זיך א שרייבּ אָנעט א זאך, וואָס וועט אויפטרייסלען דעם גאנצען ערד־קוגעל, מיט די באנאכבּארטע געגענדען. נאָר א שרייבער וואָס שרייבט, וואָס דיכטעט, וואָס שמירט, וואָס שאפט, וואָס נימט קאָפּיע און האָט נאָך צייט צו האָבען טאלאנט אויך. איינער פון אונזערע שרייבער, — פון די בּעסערע: לאָמיר זאָגען משה נאדיר—אויב קיינער פון אייך האָט נישט דאגעגען! און פארוואָס זאָלט איהר האָבען דאגעגען? בין איך דען נישט א גוטער יונג, מיט אן איידעל, כאָטש מענשליך האַרץ, און שטאם פון גאליציען?

האָט דער דאָזיגער שרייבער אמאָל באראָרפט אוועק־געבען קאָפּיע און ער האָט נישט געקאָנט, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין צייט — ער האָט זיך באדאַרפט אבי־סעל דורכגעהן אויף דער פרישער לופט און באווייזען אלעמען אז ער האָט א נייע פוטערעל, וואָס פּאסט איהם זעהר שעהן צו זיין טאלאנט. האָט די רעדאקציע געבור־טשעט: נו־אָ, קאָפּיע! תן לי ע ליטל קאָפּיע!

האָט דער דאָזינער שרייבער געפרעגט: סעיליסן,

און געועהן: לינקס — מענשען; רעכטס — אויך מענשען; פאַרענט — א קליינער בליהענדינגער פּארק; הינטען — אויך מענשען; אויבען — א טערקווירדינגער בלאַה־בלאַה־בלאַהער הימעל און ער טריפט מיט וואריי־טען זומער גאָלד.

האָט רעם בחור'ס הארץ גענומען קלאפען, קלאפען, קלאפען. האָבען זיינע קניען זיך גענומען בויגען, בויגען, בויגען און ער האָט א קוק געטון אין רעם מיידעל'ס אויגען, אויגען, אויגען!

דאן האָט ער ארויסגערערט — מעהר מיט'ן הארץ ווי מיט'ן מויל:

— קומט אָט אהין אין יענעם קליינעם פּארק, וועט איהר זיך אוועקזעצען אויף א באנק און איך וועל אייך אריינקוקען אין די אויגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

איבערראכטאַנ מיטוואָך איז געווען די חופּה.

* * *

מ אָ ר א ל: געגען שווארצע געזעצען קאָן מען זיך שיצען, קענען א רעגען פון גאָלדענע רעגנרלעך קאָן מען זיך פארטיידיגען מיט א רעגען־שירם, אָבער ווהה צו דיר, מענש, ווען דיר קומט אויס צו קעמפען געגען א גינגאָלדענעם לאָקען־רעגען און געגען די אונגעשריבענע בלאָהע געוועד־ביכער פון צוויי בלאָהע, מיידעלשע אויגען.

## דאָס פאַרשטאָכענע אויג

ער איז געווען א בחור און האָט נישט געוואָלט חתונה האָבען. אויף זיין עהרענוואָרט! ניע־נעווער־ניעמאלס,
— אזוי האָט ער געשוואָרען — וועט ער חתונה האָבען!

אורזאכע:

ס'איז א לאסט.

ס'איז פארבונדען מיט צופיעל הוצאות.

נישטאָ קיין עהרליכע פרויען.

ער גלויבט אין פּלאַטאָנישער ליעבע.

ויהי און עס איז געווען, איינמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען, בעת דער דאָזיגער בחור איז געגאנגען אין גאס און ס'איז געווען א ווינט אין דרויסען. איז א בלאָנד־גאָלדען מיידעל פון די גאָלד־בלאָנדענע מיידלעך נעגאנגען מיט איהם אויף דעמזעלבען טראָטואר. ויהי און עס איז ווייטער געווען, אז דאָס דאָזיגע דורכאויס־גאָלדענע מיידעל האָט זיך פארפראָשעט אן אויג, און זי האָט גענומען וויינען מיט נישט־פרייוויליגע, בלאָהע טרערען — וועלכע האָבען נישט פרייוויליג געקוואָלען פון איהרע העכסט־בלאָהע אויגען.

— מיסטער! — האָט דאָס כמעט־גאָלדענע מיידעל אָפּגעשטעלט אונזער הארטנעקאָכטען בחור — מיסטער, ס'איז מיר עפּעס אריין אין אויג. ווילט איהר אזוי גוט זיין מיר אריינקוקען אין די אויגען אריין?

דער בחור האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען

פעטער. דערזועלבער פעטער האָט געהאַט אַ זוהן, דערזעלבער זוהן האָט געהאַט אַ האַרץ פול מיט ליעבע און ער האָט עס נישט געהאַט וואו אַהינצוטון, — האָט ער זיך מישב געווען: וואַמפּאַהעל?

...און איצט ליעגט נעבעך אונזער העלדין און וויינט און קלאַגט און רייסט זיך די בלאָנדע האָר פונ'ם קאָפּ און לעגט זיי פאַרזיכטיג אוועק אויפ'ן טיש און זי טראַכט — פּיאַניסימאָ:

— אַך, פאַרוואָס האָט מיר קיינער נישט דערצעהלט פון די געפאַהרען, וואָס לויערען אויף אַ מיידעל אין דער שטילער פרומער שטאָדט פילאַדעלפיאַ? פאַרוואָס בין איך געווען אַזוי נאַאיוו? פאַרוואָס בין איך געבוירען געוואָרען אין רוישיגען זינדיגען ניו יאָרק? — — —

* * *

מ אָ ר אַ ל: מוטערס, לאָזט נישט אייערע אומשולדיגע טעכטער אוועקפאָהרען פון דער גרויסער שטאָדט, זיי וועלען פאַרדאַרבען ווערען!

# די נאַאיווע

זי איז אויפגעצויגען געוואָרען אין ניו יאָרק — אין דער גרויסער און אייזערנער שטאָדט ניו יאָרק.

ערגעץ אויף דער זיבעטער עוועניו איז זי געבוירען געוואָרען — אין אַן אָרימער געגענד.

זומער פלעגט זי געהן שפּאצירען ביים בארטען פון ים, ביי די דאָקס און ווינטער פלעגט זי געהן צו טאנ־צונגען און צו ביליגע טעאטער־שפּיעלען.

און זי איז געוואָרען יונג און אומשולדיג — מיט א פּאָזיטיווער גאראנטיע.

יאָהר איין, יאָהר אוים איז זי געוועזן אומשולדיג, זומער און ווינטער, שבת און יום טוב. און אפילו אין אזא געוועהנליכען טאָג, ווי דעם 23טען יאנואר, 1918, — איז זי אויך געוועזן אומשולדיג.

און די צייט איז זיך געגאנגען איהר וועג. זיינערס האָבען געקלונגען, מענשען זענען געשטאָרבען, צייטונגען זיינען אונטערגעגאנגען ווי שעהנע זונען, דירה־געלט איז געהעכערט געוואָרען, קרויט איז געשטיגען אין פּרייז, אנארכיסטען זענען ארעסטירט געוואָרען, סאָלדאטען האָבען גענומען קומען צוריק פון פראנקרייך אין די טויזענדער, אָבער אונזער העלדין, אָהן א נאָמען, אָהן טאטע־מאמע און אָהן אלעמען איז נאָך אלץ געווען נאאיוו, אומ־שולדיג און —

ענדליך איז זי אוועק קיין פילאדעלפיא צו איהרען א

דונגען א װענגעלע און ער איז געקומען נאָך איהר — זײ זאָלען אנטלויפען.

האָט די מאמע איהרע געזאָגט:

— װאָס עפּעס אזוי שפּעט בײ נאכט זיך אויסגע־קליבען?

האָט דאָס טאָכטער׳ל געזאָגט:

— מאמע! מיר נעהען אנטלויפען חתונה האָבען און קיין זאך קען אונז ניט אָפּהאלטען!

און זי האָט גענומען קריכען דורכ׳ן פענסטער און דער חתן נאָך איהר!

— משוגע אויף טויט! — האָט געזאָגט די מאמע.

— אלטע פינצטערלינגען! — האָבען געזאָגט די צװײ ראָמאנטישע פארליעבטע, בעת זײ זענען געקראָ־כען אויף די לייטערס.

— און איצט שנעל צום מסדר קידושין! — האָט געזאָגט די העלדין, ארונטערקומענדיג אין גאס און זיך אָנגעמענדיג פאר די הענט, האָבען זײ גענומען לויפען משוואליאָם!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט די מוטער געזאָגט צום יונגען װײבעל:

— נו, האָסטו באדארפט לויפען חתונה האָבען און פארשװענדען פיער דאָלאר אויף א מסדר־קידושין, אז מיר האָבען א לאנדסמאן, װאָס װאָלט דאָס געװען געמאכט פאר צװײ דאָלאר מיט ניין־און־דרייסיג סענט!

אָבער די טאָכטער האָט געענטפערט:

— מאמע! דו רעדסט װי א פינצטערלינגיכע! װאָס האָסטו געװאָלט, אז צוליעב א דאָלאר מיט איין־און־זעכציג סענים, זאָלען מיר חתונה האָבען אָהן א ראָמאן?!

* * *

מ אָ ר א ל: װאָס פארשטעהט אן אלטמאָרישע מאמע?

## א רעגעלער ראָמאַן

זיי זענען געווען יונג און האָבן גענומען ראָמאַנען אויף אויסצאָהלען — ערגיץ ביי א סטענד אין אָרטשארד סטריט.

ער האָט געהאט א פנים פון א בלייכען פרינץ, וואָס טראגט ביינעל אויף א שטעקען. און זי האָט געכאפּט דעם אָנבליק פון א פרינצעסין, וואָס טרוימט פון דריי טויז הויזען אויפצונעהען, און פון א פרייען בילעט אין א מופינפיקטשע.

האָבען זיך די צוויי איידעלע גייסטער פארליעבט איינס אין ס׳אנדערע און ער אין איהר, און זי אין איהם.

א שרעקליכע ליעבע!
און היים ווי א געשלעג צווישען צוויי ווייבער!
און גליהענד ווי א פרעסאייזען!

האָט זי געזאָגט צו איהם:

— לאָמיר אנטלויפען וואוהין די אויגען וועלען אונז טראָגען און — שטעלען א חופה.

האָט ער געזאָגט:

— צו וואָס דארף מען דאָס האָבען? אז די עלטערען שטערען דאָך אונז גאָר נישט.

— סמאכטנישט! — האָט זי געזאָגט — סע קוקט אויס ראָמאַנביכעלשער צו לויפען פון די עלטערען.

און זיי האָבען באשטימט צו אנטלויפען אין מיטען דער נאכט און חתונה האָבען.

האָבען זיי צונויפגענומען זייערע פּאָר גראָשען, גע־

# דאָן זשואַן?

ער איז א שעהנער, א בלומ־און־מילכינער בחור, שמיר־
בעלט מיט ווייסע צייהן און קנייטש׳ט זיך אזוי חן־עוודינ
און קוקט אזוי שעהן דורך האלב־צוגעמאכטע אוינען מיט
שווארצע ברעמען־פאַרהאַנגען. אן אמת׳ער פרימאַדאָן,
אויב מען מעג אזוי זאָגען.

און קומט ער ערגיץ אין דער געזעלשאפט פון דאמען
טייטעלט מען אויף איהם שטילערהייד מיט די פינגער:

אָט דאָס איז דאוויד, דער באריהמטער הארץ־ברעכער,
דער שרעקליכער דאָן־זשואן.

און אז דער דאָזינער שעהנער דאוויד נעהמט צו צו א
דאמע, און וויל מיט איהר א נאָהענטערע באקאַנטשאפט
אָנקניפען, ציטערט דאביי איהר הארץ אזוי. זי האָט מורא.
זי שרעקט זיך פאר איהם. סטייטש אזא שרעקליכער
הארץ־ברעכער, און האָט צו טון מיט אזויפ׳על פרויען.

און זי ציהט זיך — מיט א תירוץ צוריק. און דער
שעהנער, שמייכלענדיגער, פארטרוימטער דאָן־זשואן פון
דער אידישער גאס נעהמט פון איין דאמע צו דער צווייטער
און אומעטום האָט ער דעמזעלבען אָפשניט — מען האָט
פאר איהם מורא. סטייטש, אזא פרויען־פארפיהרער!

און אין די שטילע, פאר׳חלום׳טע און פאר׳לבנה׳טע
נעכט זיצט אונזער שעהנער דאָן־זשואן ביי זיך אין צימער
און בענקט אזוי נאָך אביסעלע ליעבע, און דורשט אזוי
נאָך דער באריהרונג פון א פרוי׳ס לייב!

* * *

מ אָ ר א ל: די גאנצע געשיכטע איז אן אויסגע־
טראכטע, נאָר א שעהנע — כמעט אן אמת׳ע!

## ציוויליזאַציע

ער איז געווען א בראַווער און א באַשיידענער מענש. האָט ער חדשים דורכאַנאַנד געקוילעט, פּרעמדע אומבאַקאַנטע מענשען. צעריסען זייערע גלידער מיט שראַפּנעלען, זיי דערשטיקט מיט גאַז. דורכגעשטאָכען מיט א באַיאָנעט.

האָט ער ז י ך באַטש געשעמט דאָס צו טון? ניין ער האָט זיך נישט געשעמט דאָס צו טון! באַטש ער האָט די מענשען קיינמאָל פריהער נישט באַגעגענט. באַטש ער איז פאַר זיי נישט געווען פאַרנעשטעלט.

אָבער איינמאָל אין א שעהנעם בלוט־פעטען טאָג, נאָכדעם ווי דער באַשיידענער קולטור מענש האָט — אויף זיין חשבון — געהאַט דורכגעשטאָכען עטליכע טוץ מענשען מיט זיין באַיאָנעט, האָט ער דערזעהן א מיידעל — א שעהן און ליעב קינד, וואָס איז געשטאַנען לעבען איהם און געפלירטעט מיט די אויגען.

ער האָט צוריקגעענטפערט מיט א שמייכעל, און בשעת־מעשה דערפיהלט א טיפען וואונש, דעם ליעבען מיידעל א קוש צו טון, עס איז געווען מאַרטאַ — זיין געליעבטע. ער האָט זיך אָבער ג ע ש ע מ ט דאָס צו טון, ווייל עטליכע חברים זעלנער זענען געשטאַנען און געקוקט...

* * *

מאָראַל: ליעבע איז דאָך נישט הרג'ענען קיין מענשען — מיט ליעבע דאַרף מען זיך שעמען.

(א קנאק מיט די פינגער!) באַליידינגט... און אידען — נים ער א געשריי און טוט זיך א שמעל ווי א טיגער און שפּיים אָן די תענט — אידען! איתר זאָלט זיין מיין עדות, אַז איך'ל איהם נישט שווייגען... אנו, לאָז ער פּ־פּריוווען און מיר געבען נאָך א, ווי רופט איהר עס (א קנאק מיט די פינגער!) א פּאַטש וועט זיך...

— אָט, נאריר נאָך א פּאטש, דו שרייבערוציק! — האָט איהם יאָשע פּאכאָליק איבערגעשלאָגען מיט א פּאטש אין דער צווייטער באַק.

אָבער מעהר האָט ער שוין נישט געקאָנט שווייגען — אונזער וועוויל. פּאָרט, ווי זאָגט איהר, נישט קיין פּראָס־טער מענש. א איד, מיט דער פיינער פּען, און דער וועלטענער שמועסער און — א מאַטענס א קינד...

איז אזוי ניך ווי עס האָט אָפּגעקלונגען דער צווייטער פּאטש, האָט אונזער וועוויל אויסגעהויבען די הענט, האָט זיך געהייסען דערלאַנגען א שטיקעל פּאפּיר און — ער האָט זיך אוועקגעזעצט אָנשרייבען א שאַרף ארטיקעל קעגען יאָשע פּאכאָליק, וועלכער האָט געהאַלטען אין א י י ן געבען פּעטש.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און דער דערצעהלער פּארענדיגט: „אָט־אזוי איז, אז מען פּארמישפּט זיך מיט א אידען א שרייבער און א מאַטענס א קינד".

* * *

מ אָ ר אַ ל: דער שוואכסטער פּאטש איז מעכטיגער, ווי די מעכטיגסטע פּען.

און ווי מען גוואַלדעוועט אַזוי און מ׳טומעלט, עפענט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין וועוויל־דער־שרייבער, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, אין לשון־קודש.

דערזעהן וועוולען איז קהל געוואָרען שטיל און גע־וואָלט הערען וואָס ער האָט צו זאָגען. „פּאַני וועוויל", האָט מען געזאָגט, „זאָגט עפּעס". „נו, גוט!" האָט גע־זאָגט וועוויל בקיצור — ער האָט פיינט געהאַט אַ סך רייד! — איך זאָג, אַז אונזער גבאי יאָשע פּאַכאָליק איז אַ דאָס, ווי רופט מען עס?... (ער האָט גענומען קנאַקען מיט די פינגער. ער איז געווען אַ קאַפּיטשקע זאַאיקע) אַ פּאַסקודניאַק.

אַז יאָשע פּאַכאָליק האָט דאָס דערהערט, איז ער גע־וואָרען רויט ווי אַ צוויק, איז צוגעלאָפען צו וועוולין און איהם אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, — אַז ס׳האָט אוש פאַר־קלונגען די שוהל.

פון י ע נ ע פּעטש!...

אַז קהל האָט דאָס דערזעהן, איז איהם — קהל׳ען — אַרוים די נשמה. אַזאַ איידעלען יונגענמאַן, — נעמט מען און מ׳גיט איהם אַ פּאַטש. ס׳איז נאָר, ווי זאָגט איהר, אַ קלייניגקייט!

אַז וועוויל איז געקומען צו זיך פון פּאַטש, איז ער גע־וואָרען צוערשט רויט, דערנאָך בלאַס, דערנאָך גרין, דער־נאָך געל — סע האָבען זיך אין איהם געמינעט אַלערליי קאָלירען! — און ער האָט זיך אָפּגערופען:

—וואו איז דער פּאַכאָליק?

— אָט בין איך! — האָט געזאָגט יאָשע, וועלכער איז געשטאַנען לעבען איהם.

— איהר האָט מיר געגעבען אַ דאָס, אַ ווי רופט מען עס? (ער האָט גענומען קנאַקען מיט די פינגער!) אַ... אַ פּ־פּאַטש?

— יאָ. און איך׳ל דיר נאָך געבען פּעטש ווי די ברע־טער, לאָמיך נאָר הערען אַ פּיפּס...

מאַכט וועוויל: איהר האָט מיך, ווי רופט איהר עס

א מענש וואָס קינד־און־קייט קענען זיין נאָמען, קיין קלייניגקייט נישט!

...דערצעהל איך עס אנטקעגן דעם, וואָס איהר זאָגט: מ׳צ י ט ע ר ט! אודאי ציטערט מען. א שוואכער מענש ציטערט. וואָס רעדן זאָל ער טון? נעמען צוריק־שלאָגן? דארף מען דאָך האָבען כח!... און אז מען האָט ש ו י ן כח, טראכט מען אלץ איבער: ווער ווייסט? מ׳איז דאָך נישט מעהר ווי א מענש. און א מענש האָט א טבע, אז ער פאלט אריין אין דער רציחה, און אז מ׳פאלט אריין אין דער רציחה, ווייסט מען נישט וואָס מ׳טוט. איז מען קאפאבעל איך־ווייס־אליין־נישט־וואָס. קען מען אמאָל יענעם אויסזעצען אן אויג, צי כ׳ווייס־וואָס. און דעמאָלט פעהלען שוין נישט קיין צרות. ס׳הויבט זיך אָן א מעשה מיט פראָצעסען, מיט עדות, מיט אדוואָקאטלעך — ס׳איז, ווי רופט איהר עס אָן, א פרעה־ליך חתונ׳קעלע.

נאָר איינמאָל האָב איך, פונדעסטוועגן, געזעהן וואָס עס הייסט נ י ש ט ק י י ן מ ו ר א ה אָ ב ע ן, וואָס סע הייסט, אז א מענש איז ביי זיך אָפגעלעקילט און אָפגעטעקילט, און אז מ׳ריהרט איהם, חלילה, אָן דעם האָנאָר איז ערגער ווי כ׳ווייס־אליין־נישט־וואָס.

...האָב איך אייך שוין געזאָגט, אז דאָס איז געווען א מענש נישט קיין פראָסטאק — נישט קיין איד פון אונ־זערע אידען, נאָר א שם־דבר, א פארנעס, א שרייבער אין א צייטונג, און דער פיינער שמועסער און דער וואוילער לערנער און א היינט־וועלטינער, און אויסגעפוצט ווי א ליאלקע און א טאטענס א קינד, פארשטעהט איהר מיך. דארף אייך שוין זיין קלאָר, וואָס סע הייסט, אז מ׳גיט אזא מענשען א פאטש און — בפני כל עם־ועדה

...געווען איז דאָס ביי דער אסיפה וועגען קהל׳שע ענינים. איז דאָך אייך באקאנט: קהל. און אז קהל צע־קהל׳ט זיך איז, ווי זאָגט איהר, חושך! מען רעדט, מען שרייט, מע מאכט מיט די הענט, מע גוואלדעוועט.

# דער שטאָלצער קינסטלער

ער צענעמט זיך די באָרד און דערצעהלט:

...אנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: מוט. אודאי דארף מען האָבען מוט. א מענש — דארף זיין א מענש, נישט קיין צעקראָכענע לעמישקע. א מענש, ווי זאָגט איהר, דארף אין זיך האָבען שטאָלץ. דארף זיך נישט לאָזען באליידיגען פון קיינעם און אז מען באליידיגט איהם, דארף ער וויסען וואָס ער האָט צו טון.

ער דארף נישט שווייגען. ווי זאָגט עפּעס ס'חומש'ל? אן אויג פאר אן אויג, א צאָהן פאר א צאָהן.

אי, וואָס דער גוי זאָגט אנדערש? אי, וואָס ס'גוי'עשע חומש'על, להבדיל, זאָגט, אז אויב מען גיט דיר א פּאטש אויף איין באַק, זאָלסטו אונטערשטעלען די צווייטע — איז נאָר געזאָגט. אנו, פּרובט, לאָמיך זעהן — איהר זענט דאָך עפּעס א וואוילער יונג! — אנו פּרובט און גיט נאָר א געזונטען עשו א פּאטש אין באַק, וועט איהר זעהן, וואָס ס'עט זיין!

אי, וואָס ז י י ן חומש'על הייסט נישט? איז דער תירוץ: חומש'על איז חומש'על און גוי — איז גוי... און נישט נאָר א גוי, אפילו א איד, אז מען דערצערענט איהם, שווייגט ער נישט... ער האָט פיינט צו שווייגען. בפרט, אז מען לעגט אויף איהם ארויף די האנט! און בפרט, אז עס איז נישט קיין פּראָסטער מענש. נאָר, ווי רופט איהר איהם אָן, א קינסטלער, א שרייבער וואָס שרייבט אין די בלעטער, א גאנצער פארנעם אין שטעטיל,

וועלען רעדען ביי א צווייטער, דריטער אָדער פֿיערטער געלעגענהייט!) און איז אוועק סיין קענערע.

* * *

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאָראל: ס'איז נישט קיין קונץ צו זיין א קינעלער, א קונץ איז צו זיין א... געטרייער פֿאמיליען־פֿאָטער. אָט־וואָס!

האָט זיין פרוי גענומען טענה'ן:

— סטייטש, וואָס וועט זיין דער סוף?

האָט ער געענטפערט: ער דאַרף האָבן אויף קאַנוועס — לייוועגט, הייסט דאָס. ער האָט פאַרטראַכט אַ גרויסע לאַנדשאַפט פון אַנדערהאַלבן מייל...

— וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען?

— דריי דאָלאַר מיט פערציג סענט!

האָט זי איהם געגעבן דריי דאָלאַר און פערציג סענט. איז ער אַוועק אין אַ רומענישען וויין־שענק און עס פאַר־שכור'ט.

האָט זיין פרוי גענומען טענה'ן צו איהם: סטייטש? און נו? און וואָסערציך?

האָט ער געענטפערט: ער דאַרף האָבן קאַנוועס — לייוועגט, הייסט דאָס, מחמת ער האָט פאַרטראַכט אַ גרעסערע לאַנדשאַפט פון ניין מיט אַ פערטעל מייל.

— וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען?

— זעקס דאָלאַר מיט פינף און דרייסיג סענט!

האָט זי איהם געגעבן די זעקס דאָלאַר מיט 35 סענט און ער איז אַוועק אין אַ גרויסען קאפע און עס פאַר־טאַכלעוועט.

האָט זי איהם גענומען דערגעהן די יאָהרען: סטייטש, וואָס וועט זיין דער סוף? און וואָס טראַכט ער זיך?

האָט ער געענטפערט: ער דאַרף האָבן קאַנוועס — לייוועגט הייסט דאָס, מחמת ער האָט פאַרטראַכט די גרעס־טע לאַנדשאַפט וואָס סע קען נאָר געבען — הינו: אַ וואַלד פון איבער צוויי הונדערט מייל.

— וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען?

— פינף און אַכציג דאָלאַר!

— אָלרייט, נאַדיר פינף־און־אַכציג דאָלאַר און מאַך אָן... אַ פוראָר!

האָט ער גענומען די 85 דאָלאַר, געקויפט טיקעטס פאַר זיך און פאַר מיסס ראַבינאָוויטש (פון וועלכער מיר

# לייוועגט

ער האָט געטראָגען אַ ברייטען קאפעליוש און האָט זיך גערעכענט פאר אַ מאהלער.

האָט געהאט זעהר שעהנע געשיכטען צו דערצעהלען וועגען מ אָ ד ע ל ק ע ס און וועגען פאריז. האָט מען איהם גערן אויסגעהערט און געגעבען אַ פאפיראָס.

די מאנסביל אַזוי.

די פרויען אָבער האָבען זיך דערביי נישט אָפּגע־שטעלט. האָבען איהם אמת ליעב געהאט, נישט אַלע, נאַ־טירליך, אָבער אַ היבשע צאָהל פון זיי.

און זיי האָבען איהם געמאכט קאָמפּלימענטען פאר די קליינע שאַרזשען וועלכע ער פלעגט צייכנען אויף די שפּייז־צעטלעך פון די ביליגע רעסטאָראַנען. נישט אַלע, נאַטירליך, אָבער אַ היבשע צאָהל פון זיי.

און ענדליך האָבען זיי איהם געהייראַט — די דאַמען. נישט אַלע, נאַטירליך, נאָר אַ היבשע בחור'טע, און נישט קיין קלוגע.

איז זי געגאַנגען אויסאַרבייטען ביי דאַמען־היט און ער האָט געשוואַנגערט — מיט אַ גרויסער אידעע.

זעהר שעהן פון איהם!

זענען אַוועק זיעבען חדשים, אַכט חדשים, ניין חדשים, און אונזער מאהלער האָט אַלץ געשוואַנגערט מיט זיין קונסטווערק און נישט פאַרדינט אַ צעבראָכענע קאָפּיקע.

— ווי דו ווילסט! — האָבען געענטפערט די אומ־
שטענדען, — ס'איז נישט אונזער דאגה!

* * *

מאָראַל: די אומשטענדען וענען נאָך אַלעמען נישט
אַזוי שלעכט ווי מע'מיינט. אדרבא.

מוזען ערלויבען חתונה צו האָבען מיט מיין איינאונאייג־
צינסטער מרים.

— גוט! — האָבען גענטפערט די אומשטענ־
דען — מיר ערלויבען דיר.

האָט ער חתונה געהאַט. שמארק, מעכטיג, ניגאַנטיש
חתונה געהאַט.

אין עטליכע יאָהר ארום האָט דערזועלבער בחור זיך
ווידער געווענדע'ט מיט א בקשה צו די אומשטענדען:

— ליעבע אומשטענדען! — האָט ער זיי אדרעסירט,
— זיינט אזוי פריינטליך און ערלויבט מיר צו אנטלויפען
פון מיין ווייב.

— גוט! — האָבען געענטפערט די אומשטענדען, —
מיר ערלויבען דיר.

און ער איז אנטלאָפען און זיך פארפלאָנטערט מיט א
צווייטער פרוי.

— ליעבע אומשטענדען! — האָט ער זיך געווענדעט
צו די אומשטענדען אין א שמיקעל צייט ארום, —
ערלויבט מיר זיך צו גט'ען מיט מיין ערשט ווייב.

— אלצדינג יאָ, נאָר דאָס נישט, — האָבען קורץ
געענטפערט די ליעבעסווירדינע אומשטענדען.

— אָבער כ'האָב זי דאָך פיינט, מיין ערשט ווייב! —
האָט ער זיך געבעטען.

— כדי נעזעצליך פיינט צו האָבען אנ'איינען ווייב
מוז מען באצאָהלען דעם אדוואָקאט, לכל הפחות, זעקס
טויזענד דאָלאר.

— אויב אזוי, ליעבע אומשטענדען, — האָט ער גע־
טענה'ט, — וועט איהר מיר מוזען ערלויבען צו לעבען
מיט מיין צווייטער ווייב אָהן חופה וקדושין — וועט דאָס
מיר טאָקע זיין אנגענעהמער אויך.

## די אומשטענדען

אמאָל איז געווען אַ בחור. אמאָל איז געווען אַ מיי־
דעל.

האָבען זיי זיך ליעב געהאט מיט'ן גאנצען פייער
פון זייערע נשמות.

מיט'ן גאנצען לעבען.

ווי אין שיר השירים שטעהט געשריבען.

פלעגט דער בחור באזוכען ס'מיידעל, איהר ברעננגען
צוקערקעס. מיט איהר אין דערפינסטערניש פון איהר
מאמעס פ ר אָ נ ט ר ו ם רעדען וועגען דער ווייטער קאל־
טער צוקונפט און, בשעת מעשה, הנאה האָבען פון איהר
ווארימער און זעהר נאָהענטער געגענוואַרט.

האָבען זיי על פי שכל געדאַרפט חתונה האָבען?

יאָ, זיי האָבען על פי שכל געדאַרפט חתונה האָבען.

פאַרוואָס־זשע האָבען זיי נישט חתונה געהאט?

דערפאַר, ווייל די פאַרפלוכטע אכט־דאָלאַר־אַ־וואָכע־
דיגע אומשטענדען האָבען נישט ערלויבט.

פאַרדאַמטע אומשטענדען!

נאָר איינמאָל האָט זיך דער בחור פאַרלוירען און
געפונען... זיין גליק ביי זיין אַלמעכטיגער געליעבטער.
האהא! און ס'איז באַשלאָסען געוואָרען אז מ'זאָל געהן
קענען אלע אומשטענדען וועלכע ערלויבען נישט.

— ווערטע אומשטענדען — האָט דער בחור, אין
געדאַנק, געזאָגט צו די אומשטענדען — איהר'ט מיר

— אַך, די לייַענגרע ברידער׳לאַך אין יעוואָראַ

— לחיים!

— לחיים טובים ולשלום! — פּלעגט ענטפערן דאָס שבן׳דעל און איהם אַנקוקען אביסעל סקאַסנע.

אַזוי איז עס געגאַנגען אַ שטיק צייט־אלע. דאָס קליין מענשעלע האָט זיך געשמאַק און באַ׳טעמ׳ט געערנערט וועגען די צרה׳לאַך פון די אידע׳לאַך אין יעוואָראַפּיטשקע און — געוואָרען פעטער, אויפגעשוואָלענער פון טאָג צו טאָג און — האָט געגומען פרייכען.

ענדליך האָט איהם דער דאָקטאָר ערקלערט, אַז ער ליידט פון תארץ פאַרפעטונג און אַז ער איז זעהר באַ־זאָרגט וועגען דעם קליין־מענשאַלע׳ס לאַגע.

אַז דאָס קליין מענשאַלע האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט רופען אַלע זיינע פריינטעלאַך און באַקאַנטע און פרייכענדיג פון צופיעל מלחמה־פעטקייט וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אויף זיין האַרץ, האָט דאָס מענש׳אַלע געגלאָצט מיט די פאַרשוואָלענע אויגען צו דער סטעליע און אַרויסגעזאָגט:

— ברידער׳לאַך! דאָס לאַגע׳לע פון אונזערע שוועס־טער׳לאַך און ברידער׳לאַך אין יעוואָראַפּיטשקע טרייבט מיך אין קבר׳ל אריין פאַר דער צייט — אַוואו איז דאָס ביסעלע קימעל־שנאַפּס?

מען האָט דעם מענש׳אַלע דערלאַנגט ס׳ביסעלע קי־מעל־שנאַפּס און מיט דעם גלעזעל אויף די ליפּען איז ער געפאַלען אַ קרבן׳דעל פון דער מלחמה און פון — האַרץ־פאַרפעטונג.

* * *

מ אָ ר א ל: קליינע מענשעלעך, געניסט אייערע ביטערע ליידען מיט אַ מאָס און אָהן דעם נוטען ביסעל קימעל־שנאַפּס.

## דער מלחמה קרבן

אמאָל איז געווען א גוט, ליעב מענש־אלע, מיט א גוט הארצ־אלע און מיט א טייער נשמה־אלע — מים'ן טראָפּ אויפ'ן „לע".

דאָס דאָזינע מענש־אלע האָט געוויינט מיט ביטערע טרער־אלעך אויף דעם ביטערן שיקזאל־אלע פון די אי־דע־לאך אויף די שלאכטפעלדעלאך.

פון צייט צו צייט פלעגט דאָס דאָזינע ליעבע מענש־אלע זיך אוועקזעצען לעבן שפיענ־אלע און זיך אליין באווייזען ווי טרויעריגלאך און גערירהט ער איז פון די אידישע צרות־לאך.

און יעדען פריהמאָרגען, אזוי ניך ווי די שטראהלען פון דער זונ־אלע האָבען זיך צעוואָרפען איבער דעם קליין־מענש־אלע'ס הימעל'ע, האָט ער זיך אויסגעקנאקט די פינגער פון זיין וויים, צארט הענט־אלע, אויסגע־טרונקען א קאָניאק'על און ארויסגעזיפצעלט:

— אך, די ליידענדע ברידער־לאך! וועה די געשענ־דעטע שוועסטער־לאך! — און ער פלעגט נעמען נאָך א קאָניאקעל, כדי אראָפּצושווענקען די צרות־לאך.

מיטאָג־צייט פלעגט דאָס קליין מענש־אלע אוועק־געהן אין קאפע, זיך באשטעלען א טעלער שאלאטעלעך פאר פאָרשפייזעלע — אויסטרינקען דאָס גוטע ביסעלע קימעל בראנפענדעל און באמערקען צו א שכנ'רעל:

— ארוגי קעניג — מ'טאָר נישט... ס'איז געגען דער תויף־עסיסעם...

— אַ קליין קראַצעלע !.. — האָט זיך נעבעטען דער קעניג — כאָטש מיט איין פינגער. ס'עט קיינער נישט באמערקען.

— מ'טאָר נישט — האָט געענטפערט דער הויף־מייסטער — נאָר כ'וועל אייך זאָגען, ווערטהער הערר קעניג, וואָס איהר קאָנט טון —

— הינו ?

— צעטרייבט אייער לייב־וואַך, וועט זיך אונטער־רוקען אַ רעוואָלוציאָנער און אייך אַ קראַץ טון מיט'ן שווערד פון הינטען. וועט איהר זיין געראַטעוועט.

דער קעניג האָט אזוי געטון און באַלד איז אָנגעקומען אַ מענש מיט אַ צעפלאַמט פנים און אַן ענטבלויזטער שווערד און זיך געלאָזען צום קעניג — איהם צו דער־שטעכען...

— פון הינטען, פון הינטען, ליעבער רעוואָלוציאָנער !

— האָט איהם אָנגעוויזען דער קעניג אויף דעם אָרט וואו ס'האָט איהם געביסען — שטעכט מיך פון הינטען, פליעז, וועל איך מיך מחיה זיין...

אז דער רעוואָלוציאָנער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגערופען : „קיינמאָל וועל איך, אָ, טון אַ זאַך, פון וועלכער אַ קעניג זאָל זיך, אָ, מחיה זיין" — און ער איז אנטלאָפען.

* * *

מאָראַל : אַ קעניג איז אויך נישט מעהר ווי אַ מענש און אמאָל נאָך ווייניגער.

האָט זיך אַליין געשאָנקען און... מ'האָט איהם אַרויס־געשטופּט אויף דער פּאַראַדע.

אַז דער אַלטער, שווער־באַלאַדענער קעניג איז אָפּגע־ריטען עטליכע גאַסען איז איהם געוואָרען שרעקליך הייס (עס איז געווען אַ פייערדיגער זומער־טאָג) און ער האָט גענומען, כ'בעט איבער אַלעמענס כבוד, שוויצען אונטער'ן קאָלנער — האָט ער גענומען.

און דער קעניגליכער שווייס איז גערונען פון דער פּלייצע, גלייך איבער דעם רוקען־ביין און שרעקליך גע־קיצעלט דעם קעניג — אַזוי, אַז ער האָט געהאַט ס'געפיהל, אַז ער מוז אויף זיך אַ שיב טון דאָס מעשענגע העמד און זיך אַ קראַץ טון, אַז נישט וועט ער עס נישט אויס־האַלטען.

איז דאָס אָבער אַ קעניג; און פריי צו קראַצען זיך, ווי באַקאַנט, איז בלויז דער פּראָלעטאַריאַט און אַנדערע דעמאָקראַטישע מענשען. האָט דער קעניג שרעקליך גע־ליטען און געשוויגען.

אָבער דאָס קעניגליכע בייסעניש און פּלייצע־קיצעל־ניש איז אַלץ געשטיגען און געשטיגען. און וואָס העכער און ווילדער עס זענען געוואָרען די געשרייען פון דער מאַסע יובילאַנטען, אַלץ מעהר האָט דער קעניג געהאַט חשק אַריינצושטעקען די האַנט אונטער'ן קעניגליכען קאָלנער און זיך אַ קראַץ טון מיט אַלע כחות.

אַז דאָס קיצלעניש איז געוואָרען נישט־מעהר־אויסצר־האַלטען, האָט דער קעניג צוגערופען זיין צערעמאָניען־מייסטער און איהם געזאָגט אויפ'ן אויער:

— מעכיל, (ער האָט געהייסען מעכיל — האָט ער גע־הייסען!) מעכיל, גיב מיר אַ קראַץ אין פּלייצע, אַז נישט נעה איך אויס ווי אַ ליכט...

האָט איהם מעכיל, דער צערעמאָניען־מייסטער אָנגע־קוקט און געענטפערט:

## דער פארביסענער קעניג

אמאָל איז געווען א קעניג.

האָט ער געקעניגט — טאָג און נאכט, נאכט און טאָג.

און אז עס איז איהם מיאוס געוואָרען דאָס קעני־נען — האָט ער זיך נישט געקענט העלפען און ער האָט ווייטער געמוזט קעניגען.

ווייל ער איז געווען א קעניג!

אז דער ראָזינגער קעניג, וועלכער האָט געהייסען קעניג מלך דער 31טער, האָט געהאט אָפגעקעניגט א צייט פון פופציג יאָהר, האָט דאָס פאָלק באשלאָסען צו פייערען די געלעגענהייט מיט מוזיק, טענץ און מיליטעַ־רישע פאראדען.

גראָסארטיג!

אז דער קעניג מלך דער 31טער האָט דאָס געהערט האָט דאָס איהם זעהר געפרעהט און ער האָט אויסגע־רופען — פון בעט ארויס:

— לאָז מען נעמען דעם קעניג און איהם אָנטון די פאראדנע גאָלדענע פלודערן מיט די אַלע זאכען, וועלכע וועגען געגויע 42 פונט — א חוץ די קעשענעס.

האָט מען דעם אלטען קעניג ארויסגענומען פון בעט, איהם אָנגעטון די גאָלדענע פלודערען, מיט'ן מעשענעם העמד, מיט'ן קופערנעם וועסטיל און דעם גרעיד־עי־זיל־בערנעם אויבערראָק, מיט דעם ראדיום־היטעל, מ'האָט איהם אָנגעשפּילעט 119 פונט מעדאַלען — וועלכע ער

וואָרעןאויס איבערמענש און געוואָרען צוריק אַן אונטערבינלער.

* * *

מאָראל, שווער פאר א לאָקאָמאָטיף זיך
אליין צו פיהרען!

## דער איבערמענטש

ער האָט זיך איינגעשמועסט, אז ער איז אַן איבער־מענטש, א ריעז, א גיגאַנט, א קאָלאָס, א טיטאַן און אז ס'ע זיצט אין איהם א מערקווירדיגע קראפט.

האָט ער גענומען טראַכטען: צו וואָס, למשל, קען ער זיין געגליכען? און ער האָט באַשלאָסען, אז ער איז א לאָקאָמאָטיף! — א שטאָלצער מעכטיגער לאָקאָמאָטיף, וואָס פאָהרט קיין שיקאַגאָ און פייפט...

מילא, דאָס פייפען איז איהם אַנגעקומען לייכט, אָבער נישט אזוי לייכט איז איהם אַנגעקומען צו פאָהרען קיין שיקאַגאָ, וואו עס האָט אויף איהם געוואַרט א יונג איבער־ווייבעלע וועלכע איז אויך געווען א ריזיגע קראפט און פלעגט רעקלאַמירען ביי קאָנצערטען.

ענדליך האָט ער זיך מישב געווען: א לאָקאָמאָטיף איז ער, פייפען קען ער — טו וואָס זאָל איהם אָפּהאַלטען פון לויפען אין שיקאַגאָ?

און ער איז אוועק...

אָבער גלייך נאָך איהם איז אוועק א טעלעגראַמע: „דער משוגע'נער ברוך איז אַנטלאָפען קיין שיקאַגאָ". האָט מען געכאַפּט דעם „לאָקאָמאָטיף" און איהם פאַר־קערעוועט צוריק קיין ניו יאָרק.

און פון דעמאָלט אָן איז דער איבערמענטש גע־

צום לעצטען אַטעם־צוג, אז נישט זאָל ער איינגעמען א מיתה־משונה דאָ אויפ'ן אָרט.

האָט זי געזאָגט: „צוערשט לערן זיך אוים א מלאכה".

און זי איז אוועק קיין פילאַדעלפיא.

איז ער געוואָרען א קאַסטימער־פּעדלער.

זענען אוועק געצויגן עלף יאָהר און דער קאַסטימער־פּעדלער האָט אַלץ געבענקט נאָך איהר, וועמען ער איז שולדיג געוועזן זיין לעצטען אָטעם־צוג, אָבער אז זי איז אין פילאַדעלפיא איז איהם נישט איינגעפאַלען!

אויפ'ן צוועלפטען יאָהר האָט דער קאַסטימער־פּעדלער אויסגעפונען, אז די שטאָדט פילאַדעלפיא איז די בילינגע שאָלעכץ אין וועלכער עס געפינט זיך די טייערע פּרי — זיין געליעבטע.

האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דער באַהן און איז אוועק קיין פילאַדעלפיא.

און ווי א דונער וואָס פאַלט אריין אין א רוהיגער שטאָדט, אזוי איז ער אריינגעפאַלען צו זיין געליעבטער אין שטוב אריין. און מיט א ציטערדיג קול, אין וועלכען עס האָט געקלונגען די טיעפע בענקשאַפט פון זיין האַרץ האָט ער געפרעגט:

פעני, ווילסט קויפען א פיינע קאָלדרע ביליג?

* * *

מאָראַל: געשעפט איז געשעפט.

## דער טרוימער

אמאָל איז געווען אַ בחור האָט ער געהייסען אַזוי און אַזוי. האָט ער כּסדר געקוקט צום הימעל און געטרוימט אַלערליי טרוימענישען. האָבען פרעמדע מענשען געזאָגט: „ער איז אַ טרוימער — ער טרוימט.“ האָט דער טאַטע זיינער געזאָגט: „וואָס טויג מיר זיין טרוימען, וואָס ער טרוימט, אַז ער נעהמט ארום לעדיג“. האָבען עדעלע מענשען איהם פאַרענטפערט און געזאָגט: „אַ יונג קינד, לאָז ער זיך אויסטרוימען, דערנאָך וועט ער זיך אויסלערנען עפּעס אַ פאַך“.

איז אַוועק אַ יאָהר און צוויי און דריי און פיער און פינף א. אז. וו. און אונזער טרוימער פלעגט אַלע שבת־צו־נאַכט נעהן אָנקוקען אַ נייע כּלה, זיך אָנטרינקען מיט וואַסער־מיט־סיראָפּ, מיט מעהר (ער איז געווען אַ נאַ־ליציאַנער), אויפעסען די פּאָר פיינע אייער־קיכלעך, און דערנאָכדעם פלעגט ער געהן אהיים קוקען אין שפּי־געלע, זיך דרעהען די ערב־וואָנצעס און טרוימען אַלערליי טרוימענישען.

האָט איהם דער פאָטער זיינער ארויסגעטריבען מיט זיין שבת'דיגען שטעקען און נאָכגעוואָרפען די יאַרמולקע, וואָס האָט איהם געטראָפען אין פּלייצע און פאַרוואונ־דעט זיינע געפיהלען.

האָט זיך דער טרוימער מישב געווען, זיך פאַרליעבט אין אַ מיידעל און איהר געשוואוירען טריידויט ב י ז

4) עטהער, כלאָראָפאָרם, גאז און שפּאָק־
טיוועם — — — — — — — — — — — — 615.00

5) פאר מאניקורען די נעגעל און פאר
פארשפּיצען דאָס בערדיל — — — — — — — 114.00

דאָס רעהמיל פאר דער דיפּלאָמא — — 1.98

ס"ה צוזאמען — — — — — — — — $2,292.98

ענדליך האָט זיך באוויזען א פאציענט. דער דאָקטאָר האָט איהם ארויפגעטאשקעט אויפ'ן נייעם טיש און איהם אטאקירט מיט דער גאנצער מאכט פון זיין וויסענשאפט, וואָס האָט באטראָפען צוויי טויזענד צוויי הונדערט און צוויי און ניינציג דאָלאר מיט פענים, און מיט דעם נייעם זעקס־און־א־האלב־דאָלארדיגען דלאָט, האָט ער ביי איהם ארויסגעדראָלבעט דעם א פּ ע נ ד י ק, פון וואָס דער פּאַ־ציענט איז אין צוויי טעג ארום פאָלשטענדיג — גע־שטאָרבען.

* * *

מ אָ ר א ל: אז מען גיט אוים געלט פאר א זאך, איז דאָס ווערט!

# דער מאַן מיט'ן מעסער,
# דער מאַן מיט דער זעג.

אמאָל איז געווען א מענש, האָט ער געהייסען א נעד־ וויסען נאָמען. עלטער און אָפּשטאַמונג אומבאַקאַנט. האָר שווארצע ווי פּעך און צוויי ליכטיגע אויגען ווי איך־ווייס־אַליין־נישט־וואָס.

דער דאָזיגער מענש האָט געהאט א פארלאַנג צו דיענען דער מאראַם וויסענשאַפט. איז ער געזעסען טאָג און נאכט און געלייענט אלטע ביכלעך, און געציפערט ציפערען, און געטאבעלעט טאבעלען, און געשליפען דעם מח אזוי לאנג ביז וואנעט ער איז געוואָרען שפּיציג ווי א פּיראַמידע און שאַרף ווי א חלף — גאָר צו קוילענען בהמות !

דאן האָט ער געקראָגען א דיפּלאָמא „דאָקטאָר מעדי־ צין" און זי איינגעפאסט אין א רעהמעל. פּרייז $1.98

דערנאָכדעם האָט ער געהאט פאָלגענדע הוצאות :

1) כירורגישע מעסערס, זעגען, דלאָטען און שרויפענציהערס — — — — — — — — $463.00

2) מישלעך, אש־טעצלעך, עלעקטרישע מאשינען, שילדען און אוילבילדער — — 931.00

3) אויסגעריבען הויזען, בשעת זיצען און ווארטען אויף פאציענטען — — — — — — — 118.00

פון גאָט'ס וועלט און זיי דאָרט באהאלטען פאַר די ווייבלעך פון די בראָנקס.

אָבער שוין אויפ'ן ערשטען שפּאַציער, האָט זיך איהם געטראָפען א שטיקעל שטערונג — היינו: א א וואָלף.

אז מ. ס. ל. ב. האָט דערזעהן דעם וואָלף, האָט ער אויפ'ן ערשטען אויגענבליק געוואָלט אנטלויפען, אָבער דערנאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט אן זיינע אויגען, אויף וועלכע ווייבער האָבען געזאָגט, אז זיי קאָנען באצווינגען אפילו א טיגער און — ער איז געבליבען שטעהן פּנים־אל־פּנים געגען וואָלף און איהם אָנגעקוקט — איהם אָנגעקוקט מיט זיינע צוויי גרויסע, ליכטיגע, פייערדיגע אויגען.

אז דער וואָלף האָט דערזעהן דעם בלישטש פון די וואונדערבארע אויגען, האָט ער זיך דערשראָקען און — איהם אויפגעגעסען מיט די אויגען, מיט אלעמען.

אזוי שטארק האָט זיך דער וואָלף פאַר איהם דערשראָקען!

און אז די בראָנקסער ווייבלעך האָבען דערזעהן די פּאָר געקנעפּעלטע שיך און דעם הארטען קאפּעליוש, וואָס מ'האָט פון איהם אהיימגעבראכט (מעהר איז נישט געבליבען!) האָבען זיי נעביך געוויינט א גרויס געוויין — א שטילס, וואָס קיינער האָט נישט גע־קאָנט הערען — אפילו נישט זיי אליין.

* * *

מ אָ ר א ל: א הונגעריגער וואָלף איז נישט קיין פרוי. ער האָט פיינט, אז מ'קוקט איהם צו שטארק אין די אויגען אריין!

## פרויען און וועלף

אמאָל איז געווען א בחור מיט ברענענדיגע אויגען. באצווינגענדע אויגען.

אויגען ווי לאָמפּען, ווי שטורקאצען, ווי שרפות.

האָט דער דאָזיגער בחור די הארטסטע פרויען־הערצער מיט זיינע אויגען צעשמאָלצען און זיי איבערגעפורעמט אין א פורעם פון זינד און נארישקייטען.

האָבען פארהייראטע פרויען געזאָגט וועגען איהם:

—אך, סארא וואונדערבאר־באצווינגענדער מענש, דער הערר מ. ס. ל. ב. איז!

האָבען אנדערע צוגעגעבען:

— אך, סארא מעכטיגע אויגען ער האָט! מיט זיינע אויגען וואָלט ער געקאָנט צאהמען דעם ווילדסטען לעמפּערט און דעם שרעקליכסטען טיגער.

— די אויגען! די אויגען! — האָט מ. ס. ל. ב. געטראכט, די אויגען זענען מיין פארמעגען, מיין קרוין, מיין ציערונג־קעסטיל — די אויגען וועלען מיך נאָך אמאָל גליקליך מאכען.

און ער האָט באשלאָסען אויסצופאָהרען ערגיץ אויפ'ן לאנד שעפּען פייער פאר זיינע וואונדערבארע אויגען און לופט פאר זיין גרויסארטיגער נשמה.

באלד ווי ער איז אָנגעקומען אין דער פארווארפענער פארם, האָט ער באשלאָסען אלע טאָג אויפצושטיין (ווי תמיד!) מיט א שעה פריהער ווי געוועהנליך זיך אריינקוקען אין די אויגען אריין אלע שעהנקייט...

דעם ריהרענדען ראָמאַן „דער זייגער מאַכער“ און — וויינען ווי ביי א רענעלע דראמע.

אלע נאכט אזוי.

האָט דער באַס, מיסטער שוועמעל, דערזעהן, אז די רויטע ראָזע איז א סענטימענטאלע פרוי, א ווייכע פרוי וואָס ניסט טרעהרען איבער דעם שיקזאל פון דעם ליעבענדען זייגער־מאכער, האָט ער זיך באטראכט, אז מען דארף מיט איהר פארטשעפען א ליעבע.

און אמאָל, בשעת די רויטע ראָזע איז געזעסען און געוויינט איבער דעם אומגליקליכען זייגער־מאכער, איז צו איהר צוגעקומען מיסטער שוועמעל, איהר א קניפ געטון אין א באַק, דאן א קיצעל געטון, דאן האָט ער זי געוואָלט ארומנעמען.

אָבער — אָה! און עך־הע! אין אָט־דעם מאָמענט האט דער פארפיהרערישער מאן ערשט אויסגעפונען, אז יעדע ראָזע האָט איהרע דערנער — וואָס שטעכען. ביי א י ה ר איז עס געווען נישט קיין דערנער, נאָר שפילקעס, מיט וועלכע זי האָט פארשפילעט איהר בלוזע...

מיט צעשטאָכענע, צעבלוטיגטע הענט איז מיסטער שוועמעל אָפגעטרעטען פון דער רויטער ראָזע, וועלכע איז געווען צופיעל פארטון אין „זייגער־מאכער“ צו שענקען אויפמערקזאמקייט צו אָט־דער סצענע.

* * *

מאָראל: נישטאָ קיין ראָזע אָהן שטעכערס.

## די רויטע ראָזע

די רויטע ראָזע איז נישט געווען קיין בלום, נאָר א מיידעל אזא. זי האָט נישט געוואקסען אין קיין גאָרטען און נ י ש ט געדופטעט. אדרבא — זי איז געווען א פשוט'ע מויד, א געזונטע ווי אן אייזען און האָט געאַר־ביים אין א רעסטאָראן.

און זי האָט געבליהט. געבליהט אויף דעם פעטען מיסט פון מיסטער שוועמעל'ס רעסטאָראן. געבליהט פון די שטראַהלען פון דעם אויבער־קעלנער'ס אויגען. גע־בליהט אויף דעם פרישען טוי פון די יויך־קעסלען און איז, ווי זאָגט פינסקי, „עמפּאָר געוואקסען" צו א וואונ־דערבארען „געשעפּף", — צו א זעלטענער פלאַנץ.

די ראָזע, די רויטע ראָזע. די בלום פון שוועמעל'ס פופצעהן־סענטיגען רעסטאָראן!

און אז סע פלעגט קומען ארום צוועלף א זייגער ביי־נאכט, ווען די קונדען זענען געוואָרען ווייניגער, און דער טוי פון די יויך־קעסלען האָט זיך געזעצט אונטער דעם סופיט פון רעסטאָראן, און דער באָס, מיסטער שוועמעל, פלעגט שטעהן ביים רעדזשיסטער און איבערצעהלען די קאַלטע זילבערנע און קופערנע מטבעות פון טאָג לייזונג — רעמאָלט פלעגט די רויטע ראָזע ארויסשלעפּען פון קיך איהרע גרויסע, פעררישע פיס, אריינקומען אינגוועניג אין רעסטאָראן, אָפּזוכען אן אַלטע צייטונג און נעמען לעזען

עטליכע אנגענעמע טעג און — מערקווירדיג! דאָס האָט איהם נעראַטעוועט פון גרעסטען אומגליק. וואָרים די שיף מיט וועלכער ער וואָלט זיכער געווען אָפּגעפאָרען (ווען נישט דאָס ווייבעל), האָט זיך גראַד אָנגעשלאָגען אין א פעלז און איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע פּאַסאַזשירען.

אז דער רעוורענד שלמה האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך נעוואַשען די הענט, געבענשט גומל און א גליק־ליכער, מיט א צעקאַמטער באָרד, איז ער אַוועק צוריק אהיים צו זיין ווייב־און־קינדער, וועלכע האָבען זיכער געמיינט, אז ער איז דערטרונקען געוואָרען.

אויף דער פראַגע פון זיין פרוי, ווי אַזוי — מיט וועלכע נסים — ער האָט זיך געראַטעוועט, האָט רעוורענד שלמה אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געענט־פערט: „אונזער גאָט האָט דאָס געטון! לאָמיר איהם דאַנקען!" און ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה.

* * *

---

מאָראַל: א רעוורענד'ס נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשינקע!

## נעראטעוועט

אמאָל איז געווען אַ איד, האָט ער געהייסען שלמה. איז ער געווען אַ וואוילער איד, אַ בכבוד'ער, מיט אַ צע־קאָממער באָרד — אַ שעהנער, מיט אַ הדרת־פּנים און ער איז געווען אַ רעוורענד.

דער באַריהמטער רעוורענד שלמה.

ער האָט מאַקע אַזוי אדווערטייזט אין די פּעיפּערס:
„רעוורענד שלמה, וואָס איז וועלט־באַריהמט און באַקאַנט צו אַלעמען, בעט באַקאַנט צו מאַכען זיינע פיעלע פריינדע אונד פערעהרער, אַז ער האָט זיך שוין צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע קיין קאַנאַרסי און אַז ער איז אָפּען פאַר ביזנעס."

פּליין אידיש!

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז דער רעוורענד שלמה, וועלכער איז געווען אַ שטאַרק־פאַרהייראַטער מאַן און אַ טאַטע פון עטליכע שעהנע, בכבוד'ע קינדערלעך, האָט באַדאַרפט פאָהרען קיין ווירדזשיניאַ פאַר ביזנעס. איז פאַראַן צוויי וועגען: אָדער מען פאָהרט מיט דער באַהן, איבער באַלטימאָר א. אז. וו., אָדער מען פאָהרט מיט דער שיף דירעקט קיין נאָרפאָלק.

דער רעוורענד שלמה האָט אויסגעקליבען דאָס ערשטע — כאָטש ס'איז וועניגער באַקוועם.

אורזאַכע: פאַראַן אַ געוויסע ווייבעל אין באַלטימאָר!

האָט רעוורענד שלמה פאַרבראַכט אין באַלטימאָר

פעטע בלינצעס איינגעטונקען אין בוימעל און איז אוועק נעמען די ריכטיגע „אויל־פיקטשע“.

איז צווישען איהם און דעם מאהלער פאָרגעקומען אזא מין דיאלאָג:

מאהלער: זייט אזוי גוט און גיט א דרעה דעם קאָפּ אביסעל אויף לינקס, וועט זיין א בעסערע ליכט.

דער אויסגעשמירטער איד: ווער דארף ס׳ליכט?! איהר גיסט בעסער צו אביסעל מעהר אויל, זשאלעוועט נישט!

מאהלער: שמייכעלט אביסעל אויפריכטיגער, פליעז!

דער איד: ווער דארף ס׳שמייכלען! גיסט בעסער אונטער א ביסעל מעהר בוימעל... איך וויל עס זאָל ארויס־קומען פעט ווי א בלינטשע מיט א סך אויל...

מאהלער: הערט זיך אויף דלאָבען ס׳אויער, זייט אזוי גוט!

דער איד: דאָס איז נישט וויכטיג: וויכטיג איז, אז איהר זאָלט גיסען וואָס מעהר אויל... איך וויל עס זאָל ארויסקומען א רייכע בילד, א פעטע... נישט קיין קבצנ׳ישע.

מאהלער: ס׳איז אָלרייט. איך וויים וואָס איך האָב צו טון.

דער איד: ס׳מאכט נישט, וואָס איהר ווייסט! איהר כליאפּעט בעסער אונטער א פריש גאלונטשיקעל מיט אויל. זשאלעוועט נישט מיין געלט. איך קען דאָס ב״ה אפאָרדערען!

* * *

מאָראל: די אמת׳ע מבינים אויף קונסט זענען פאָרט די אידען מיט די טוליפּלעך.

## דער מבין הגדול

אַן אויפגעקומענער עושר. האָט ער געהאַט אַ שעהנע אומשולדינע ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געמשעפּעט. אַ פיינע פּיאַנאָ, אויף וועלכע זיין ווייב פּלעגט פון צייט צו צייט... איבערשרעקען די מייז. און אויך — קונסט־בילדער.

מען שמועסט — אַ מאָדערנער מענש!

איינמאָל אין אַ שעהנעם אָדער נישט קיין שעהנעם פריהמאָרגען איז ער זיך מישב: אַלע רייכע לייט האָבען אויל־בילדער, וועט ער זיך אויך לאָזען מאכען אַן אויל־בילד פון זיין פּערזענליכקייט.

איז ער אוועק צו אַ גרויסען מאָהלער, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאר די גרויסע קונסט... פּרייזען, וואָס ער האָט גערעכענט, און צו איהם אזוי געזאָגט:

— מיסטער, איך וויל אז איהר זאָלט מיר אַ מאַך טון אַן אויל־פּיקטשע, אָבער אַ פּעטע! ווי זאָגט ער, אז עס זאָל אזש רינען איבער די פּיסקעס. איך קען עס אפּאָר־רערען!

האָט איהם דער מאָהלער אָפּגעמאָסטען מיט אַ קלוגען בליק און איהם געהייסען קומען מאָרגען.

צו מאָרגענס אין דער פריה האָט זיך אונזער קונסט־ליעבהאָבער גענומען אַ וואַנע פון בוימעל. אויסגע־טרונקען אַ פלעשעל איילבירט־בוימעל, און פאַרביסען מיט

באלען, קלעריקאלען, אָרטאָדאָקסאלען! געגוג געווען גע־
זעצליך פארהייראט! איך וויל דיך אָפּ'גט'ען און דאן
וועל איך קאָנען מיט דיר לעבען ווי מיט א פרעמד ווייבעל
און דאָס וועט זיין אזוי נאָבעל, מיין טייערע חאשע־
ניטעלע.

צומאָרגענס האָבען זיי זיך גע'גט (כאָטש חאשע־ניטעל
איז שטארק געווען דאגעגען) און איצט לעבען זיי גליק־
ליך אלס זינדיגע צוויי־און־זעכציג־יעהריגע ליעבהאָבער.

* * *

מאָראל: א מענש איז נישט קיין בהמה — ער
האָט נישט אזויפיעל שכל.

# דער ראַדיקאַל

ער איז געווען אַ ראַדיקאַל און האָט געהייסן פערדינאַנד־לאַסאַל־מאַרקס־קאַוטסקי.

אַ חוץ דעם שעהנען נאָמען האָט דער דאָזיגער ראַדיקאַל אויך פאַרמאָגט עטליכע פּאָר פלודערן מיט ראַדיקאַל אויסגעריבענע זיץ־פלעצער, אַ פּאָר שיך מיט ראַדיקאַלע, געלע קנעפּלעך און האָט זיך געגאָלט דעם קאַרק אויף אַ ראַדיקאַל־קיילעכדיגען אופן.

אַ פלאַם־פייערדיגער ראַדיקאַל און קלאַסענבאַוואוסט וואָס קלאַסענבאַוואוסט קאָן נאָר זיין.

איינמאָל האָט אונזער פערדינאַנד־לאַסאַל־ק. מאַרקס־קאַוטסקי איבערגעלייענט אַ בראָשורע וועגען פרייע ליעבע, וואו עס ווערט געפּרעדיגט דער שעהנער אידעאַל אַז מענשען דאַרפען פון צייט צו צייט הייראַטען פריי ווי די קאַנאַריקלעך און טערי־בערען — איזוויניטיע זאַ וויראַזשעניע! — און ווייטער ווערט דאָרט געפּרעדיגט, אַז געזעצליכע פרויען זענען אַ שאַנדע און שמאַך פאַר דער ציוויליזאַציע און דעריבער — דאָלאָי מיט דעם אַלטען סיסטעם!

אַז אונזער ראַדיקאַל האָט דאָס דערהערט (פון דער בראָשורקע) איז ער אַוועק אַ היים צו זיין פרוי, וועלכע האָט געהייסן חאַשע־ניטעל און וועלכע איז געביך געווען אַ כשר׳ע אידענע, אַן אמת׳ע צדקניות און צו איהר אַזוי געזאָגט:

— חאַשע־ניטעל מיין ווייב! גענוג געלעבט ווי קאַנאַ־

ווילען נישט, אז מיר זאָלען זיך זעהן, וועל איך — אויס־
לעשען די נעז.

און ער האָט אויסגעלאָשען די נעז!

* * *

מ אָ ר א ל: די ליעבע איז בלינד, דאריבער קען זי זיך גאנץ שעהן אויסדריקען אין דער פינסטער.

## די געטרייע טאָכטער

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט און זיי זענען געזעסען אין דער פינסטער. האָט ער פון צייט צו צייט פאַרלוירען די לינקע האַנט אַרום איהר טאַליע און נאָכגעשיקט די רעכטע האַנט זוכען די לינקע. האָבען זיך ביידע הענט פיין אַמוזירט. די הערצער האָבען געקלאַפּט — צוזאַמען מיט די צוויי זיינערס וואָס זענען געשטאַנען אין פראָנט־רום. די אויגען האָבען געגליהט צוזאַמען מיט אַ מאַסע שטערען, וואָס האָבען, אפשר, געפינקעלט אויפ׳ן הימעל. די ליפּען האָבען זיך באַגעגענט צוזאַמען מיט פיעלע נאַרישע עקסטרעמען. די זעעלען האָבען שטיל גערוישט צוזאַמען מיט די עטליכע פייז, וועלכע זענען בגנבה אַרומגעלאָפען אַרום די וואַש־טעפּ.

ענדליך האָט דער זייגער געקלונגען דריי.

נישט דער ביטאָגינער דריי, נאָר דער נאַכטיגער, דער פריהמאָרגענדיגער.

האָט דעם זעהר אונשולדיגען מערכענ׳ס געוויסען ערוואַכט, און זי האָט אַזוי געזאָגט — האָט זי:

— ליעבער, געליעבטעסטער געליעבטער! מיינע עלטערען האָבען מיר פאַרבאָטען דיך צו זעהן, קען איך נישט געהן געגען זייער וואונש.

— נו, גוט! — האָט ער געענטפערט. — מיר וועלען נישט געהן געגען דיינע עלטערן׳ס באַפעהל. אויב זיי

אריינגעפיהרט און איהם א פלאץ אין דער שענסטער לאָזשע אוועקגעזעצט.

* * *

מאָראל: אום צו זיין א גרויסער מענש איז נויטיג צו זיין מעהר ד ע ק א ר א ט י ו ו ווי נ י צ ל י ך...

## דער פּרעמיער

איך האָב אַמאָל געקענט אַ אידישען ריכטער, וועמעס נשמה האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגעלט אויף זיין געזיכט.

זיין פּנים, הייסט עס, האָט פאַרשווינגען זיין גרויסקייט און זיינע אויגען האָבען אוטמעטיג געוואַכט איבער דעם איינפּאַכען אָבער עהרליכען ד ר ו י ס ע ן פון זיין פּער־זענליכקייט.

איינמאָל האָט דער דאָזיגער ריכטער געוואָלט געהן אין אידישען טעאַטער זיך אָנוואַרימען אָן דעם יונגען פּרייליין קונסט, האָט ער ביי דער קאַסע זיין וויזיט־קאַרטעל דערלאַנגט און אַ פּרייען בילעט געבעטען.

האָט איהם דער קאַסיער אָפּגעמאָסטען מיט אַ פאַר־רעכטינען בליק, איהם צוריקגעגעבען דאָס וויזיט־קאַרטעל און איהם געזאָגט, אַז ס'איז ליידער און אָהאָ! נישטאָ קיין פּלאַץ.

האָט דער ריכטער אַ לייכטען שמייכעל געטון, אוועק ערגיץ אין אַ ווינקעל, וואו דער קאַסיער האָט נישט גע־קאָנט זעהן, און האָט אויף דער לינקער זייט פון זיין וויזיטקאַרטעל אָנגעשריבען:

„ביטע אריינצולאָזען דעם איבערגעבער פון דיזען קאַרטעל אין אייער טעאַטער. מיט גרוס....“ דאָ האָט ער אונטערגעשריבען זיין אייגענעם נאָמען און ס'קאַרטעל צו דעם טעאַטער דירעקטאָר דערלאַנגט, וועלכער האָט איהם מיט גרויס דרך־ארץ אין זיין קונסט־טעמפּעל

פאָלק־סטריט־שוהל, ווי ער שטעהט מ י ט א ן
אָ פ ע נ ע ר ה א נ ט און — בעטעלט נדבות.

* * *

מ אָ ר א ל: אָרימקייט איז נישט קיין שאנדע נאָר
א — פּרנסה!

## די אָפֿענע האַנט

שוין פֿון קליינערהייד אָן האָט מען געזעהן, אז דאָס וואַקסט אַ פּרי שב׳פּירות. ביי קליינע אינגלעך פּלעגט ער אויסנאַרען דאָס פּוטער־ברויט, ביי גרעסערע פּלעגט ער אָפּדרעהען די קנעפּלעך פֿון די בונדרעלעך, בעת די בונדרעלעך זענען געהאַנגען אין חדר אויף דער וואַנט און ער פּלעגט זיי אויסטוישען פֿאַר באַנבאָנעס. און אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ טבע צו פּייניגען אומ־שולדיגע קעץ, ציגען, מלמדים, העהנער, באהעלפֿערס, אַ. אַז. וו.

האָט די מוטער צו איהם גע׳טענה׳ט:

— ליעב קינד מיינס, זעה וואָס דו טוסט! דו פֿאַר־שוואַרצסט דיינע טאַטע־מאַמע ס׳פּנים! אַ מעהר: זיי אַ גוט אינגעל, טשעפּע נישט קיינעם, האָב אַ גוט האַרץ און דער עיקר — האָב אַן אָפֿענע האַנט!

און דער טאַטע זיינער האָט איהם אויך גע׳עצה׳ט: האָב אַן אָפֿענע האַנט פֿאַר אידען, וועט דיר גוט זיין!

יאָהרען זענען אוועק. דער קליינער חברה־מאַן איז אונטערגעוואַקסען און — מערקווירדיג! אַלע אַנדערע עצות, וואָס זיינע טאַטע־מאַמע האָבען איהם געגעבען אין דער יוגענד האָט ער פֿאַרגעסען, נאָר די עצה צו האָבען אַן אָפֿענע האַנט האָט ער נישט פֿאַרגעסען.

איהר קענט איהם זעהן יערען טאָג לעבען דער נאָר־

און ער פלענט ענדיגען:

— קום לאָמיר זיך זעצען אָט־דאָרט, אויף יענער באנק, וואו ס'איז פינסטער. ס'לאמטערען־ליכט שטעכט מיר אין די אויגען.

און זי פלענט ענטפערען קלוג, ווי א לייט־ארטיקעל:

— ווי קומט עס, וואָס אזוי שנעל ווי א מאן געפינט אוים, אז א פרוי איז אזוי שעהן, אז ס'איז א נחת אויף איהר צו קוקען ווייל ער מיט איהר זיין אין דער פינסטער?

* * *

מ אָ ר א ל: בעסער מיט א מאָדערנער פרוי צו זיין אין דער טונקעלהייט — איידער פארקעהרט!

מיט א צארט סמעטענע־מיט־פּאָזימקע געזיכט, וואָס איז געווען פריש און מחיה׳דיג און שעהן, אז ס׳איז גע־ווען א נחת צו קוקען דאַרויף.

פלעגט ער מיט איהר — ביינאכט — אויסנעהן אין די פּארקס — אין די גרינע, אין די דופטיגע שיטער־באַ־מענשטע פּארקס. אָבער מעהר ווי מ י ט איהר, פלעגט ער אויסגעהן אָהן איהר. ווי א ליכט פלעגט ער אויסגעהן, אז ער האָט בלויז עטליכע טעג נישט געזעהן די סמעטענע־מיט־פּאָזימקע שעהנקייט פון דער יונגער דאמע׳ס גע־זיכט.

און וואָס מעהר ער איז נעקומען צום באַשלוס, אז זי איז א געוואלדיגע שעהנהייט, און אז עס איז א מחיה צו קוקען אויף איהר געזיכט — אלץ מעהר האָט ער נישט געוואָלט קוקען אויף איהר, אלץ מעהר האָט ער געוואָלט זיין מיט איהר אין דער פינסטער.

א מערקווירדיגער פּאראדאָקס!

— קום מיין טייערע, לאָמיר זיך זעצען אויף יענער באנק. ס׳ליכט שטעכט מיר אין די אויגען! — פלעגט ער אָפט זאָגען צו דעם חן׳עוודיגען וועלט־קינד, מיט דעם שלאנקען, קעצישען קערפּער און מיט דער סמעטענע־און־פּאָזעמקע פרישקייט אין איהרע באקען.

וואָס מעהר ער האָט ליעב נעקראָגען ס׳מיידעל, אלץ מעהר האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט דער האס צו פּאָ־ליציילייט און לאמטערנעס און וואָס שטארקער ער האָט פיינט געהאט פּאָליציילייט און לאמטערנעס, אלץ שטאר־קער האָט ער ליעב געהאט די עלעגאנטע דאמע מיט די — צו אונז גוט־באקאַנטע, כאָטש פון א ו נ ז אזוי גוט ווי פון א י ה ם נאָך נישט געקושטע — באקען.

— דו ביזט אזוי שעהן, אזוי שעהן! — פלעגט ער זיך באגייסטערען אין ווארימע זומער־נעכט — איך וואָלט קיינמאָל נישט מיער געווען צו קוקען אויף דיין פרעכ־טיג געזיכט.

## פינסטער זאָל ווערן

אמאָל איז געווען א יונגער מענש האָט ער ליעב גע־האט — ליעב צו האָבען. האָט ער זיך פארליעבט אין א ברונעט, נישט זעהר חן'עוודיג באשעפעניש מיט מענש־ליכע אויגען, מענשליכע ליפען און — זעה זייטע 364 פון דער פאָלקסביבליאָטעק פאר ווייטערע אינפאָרמאציאָנען.

פלעגט ער נעמען דאָס נישט־חן'עוודיגע געשטופעל־טע מיידעל און מיט אירר אויסגעהן אין די פארקס — אין די גרינע פארקס, אין די דופטיגע פארקס און — רעדען וועגען ליעבעס־ביכלעך, וועלכע מען קאָן איצט קויפען זעהר ביליג—צוליעב פארשידענע אורזאכען

— קום, לאָמיר זיך זעצען אָט־דאָרטען אויף יענער באנק. ס'ליכט שטעכט מיר אין די אויגען! — פלעגט איהם ס'מיידעל אָפט איבערשלאָגען די רייד.

אין אזא צייט פלעגט ער אויף איהר א קוק טון מיט א האלבען ברוגז'ן בליק, אָפשאצען די נישט־חן'עוודיגקייט פון איהר געשטופעלטען פנים, אויף וועלכען עס איז גע־ווען נישט אָנגענעהם צו קוקען, און ענטפערען:

— מ'דארף נישט אויסמיידען קיין ליכט. ס'איז דאָ אויך גאנץ גוט צו זיצען.

נאָר איינמאָל האָט זיך פארלאָפען א גרויס פארלויפע־ניש, הינו: אונזער יונגער, ראָמאַנטישער בחור האָט זיך באקאָנט און — ביים באקענען זיך פארליעבט אין א שעהנער, הויכער, יונגער דאמע

סענע שעפּעלעך, איהרע האָר צו שוואַרצען גין־גאָלד און — אין פינף יאָהר אַרום טרעפען מיר איהם שוין אין אן איינענער דירה, אַרומגערינגעלט פון אַ צעשוואוכע־נער אידענע, וואָס קנייפּט פון די קעשענעס פון איהר פאַרטוך און וואַרפט אין מויל אַריין און פון פינף יאַטען, וואָס מען דאַרף זיי איינוויקען אויף עטליכע וואָכען און זיי אויסשמושקען אויף אַ וואַש־ברעטעל.

— העלאָ! — זאָגען מיר צו איהם — וואָס מאַכט איהר עפּעס? וואָס מאַכען אייערע ליעבע קינדערלעך?

— און מיר גיבען אויף איהם אַזאַ סאַרקאַסטישען קוק, אַז עס ווערט אין איהם אַנטפּאַלען דער מאַמע׳ס מילך.

קוקט ער אונז אַ ווײַלע אָן, קנאַקט די פינגער איבער פיליפּ־קראַנץ׳ס קולטור געשיכטע און מאַכט צו אונז מיט אַ זיפץ:

— איהר וואונדערט זיך מסתמא, למאי, איך, אַ פּראָפעסיאָנעלער געגנער פון דער הייראַט און אלגעמיינער פרויען־האַסער, האָב חתונה געהאַט?

— יאָ, זאָגען מיר, עס איז אונז מאַקי אַ שטיקעל חידוש.

— נע, מאַכט ער און קוקט מיט איין אויג צום ענגלייכטער — איך האָב געמוזט חתונה האָבען צוליעב די קינדערלעך נעביך — כדי זיי זאָלען האָבען אַ מאַטען.

* • *

מאָראַל: אַז עס שטעהט אין פּסוק: „כרחם אב על בנים“ — מסתמא דאַרף מאַקי אַזוי צו שטעהן — מען ווערט דאָך נישט נעמען גלאַט אַ פּסוק און איהם אַריינשטע־לען.

פ. ס. און אפשר יאָ! ווער קאָן וויסען?!

## קינדער ליעבע

אמאָל איז געווען אַ בחור האָט ער געהייסען אזוי און אזוי. איז ער געווען זעהר אַ קלוגער, האָט ער שטודירט די גאלעריע פון פארשוואונדענע זשענטעלמענער און גע־נומען אַ טיעפען אינטערעס אין בעסי טאָמאשעפסקי'ס ביאָגראפיע. און כדי זיך צו פארפאָלקאָמענען — סאַ הארט וואָרט „פארפאָלקאָמענען" ! — מיר'ן זוכען עפּעס אַן אנדער וואָרט — אלזאָ, כדי זיך אויסצובילדען פאר אַ פאָלנעם קולטור־מענש, האָט ער באשלאָסען צו כאפּען אַ קוק — פאר'ן שלאָפען געהן — אין פיליפּ קראנץ'ס קול־טור'עדינע געשיכטע און אין אנדערע פעליטאָניסטישע זאכען.

פון די אלע זאכען איז דער בחור געוואָרען העכסט־קולטורעל ג ע ז אָ נ ע ן, און האָט כסדר געזידעלט די מענשהייט, זי גערופען מאלפּע, מארק אידענע, קאָנסער־וואטיווע נשמה, אָפּגעשטאנענער עלעמענט, א. ז. וו.

וואָס שייך חתונה האָבען, האָט אונזער קולטורעוואַ־טער העלד באשלאָסען, אז קיינמאָל אין לעבען וועט ער נישט באגעהן אזא נארישקייט, אזא שמאכינשאנדע !

איינמאָל האָט זיך דער דאָזינער בחור באקאָנט מיט אַ קליידעל, אין וועלכען ס'האָט זיך געפונען אַ פריילין מיט ברענענדיגע אויגען, האָט ער גלייך גענומען באוואונדערען איהר הערליכע פיגור, גענומען צוגלייכען איהרע אויגען צו צוויי זונען, איהר בוזעם צו צוויי עלטערע דערוואַק־

— אַת, ווי גלעטליך דאָס איז! — האָט זיך דער דיכ־טער אַליין אונטערגעטריבן צו ווערן באַגייסטערט. — אַת, וואָס פאַר א מענער! וואָס פאַר א געזאַנג! איך מוז מיך זעצן דיכטען.

און ער האָט זיך אוועקגעזעצט און אויסגעדריכטעט א פיין ליעדעלע ווי א גאָלד. נאָר א קורצס. עס איז באַשטאַנען פון די צוויי קלאַנגען: „ציף־ציף!" און ער איז געבליבן שטעהן.

—אָט צו דעם דאָזיגען ציף־ציף, ווען איך האָב נאָך א צוויי, דריי געדאַנקען, וואָלט איך געקאָנט מאַכען דער־פון א לירישע זאַך — פאַר זעקס דאָלאַר! — אַזוי האָט געדערט דער דיכטער צום קליינעם פויגעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט מעהר ווי א היהנדעל ווי עפעס אַנדערש.

און דאָס היהנדעל־פויגעלע האָט געענטפערט:

— צעף־צעף!

— האָבען מיר שוין אי „ציף־ציף", אי „צעף־צעף"! — האָט געטראַכט דער דיכטער. — איצט ווען מיר האָ־בען נאָך א שטיקעל איינפאַל, זענען מיר געראַטעוועט!

אָבער דער איינפאַל איז ליידער נישט געקומען. אַלץ, וואָס ס'איז געקומען, איז געווען א קליינער פישטשע פון דעם מיזעראַבעלען פויגעלע:

— צוף־צוף!

אָבער מיט „ציף־ציף" און „צעף־צעף" און „צוף־צוף" איז דער דיכטער נישט געווען געהאָלפען. ער האָט באַדאַרפט א געדאַנק, אַן איינפאַל און דאָס האָט איהם דאָס בידנע פויגעלע נישט געגעבען.

און דער דיכטער האָט זיך געביך אויסגעלאָזען ווי א ליכט.

* • *

מ אָ ר א ל: צו מאַכען א לעבען פון א פויגעלע איז נישט קיין פויגעלדיגע פרנסה!

## דער דיכטער און דאָס פויגעלע

אמאָל איז געווען א יונגער דיכטער, א הויכער מיט ברייטע פּלייצעס און געזונט ווי א בער. האָט ער געדיכ־טעט צו דריי דאָלאר א שטיק, אזוי לאנג ביז וואנען ער האָט זיך אויסגעדיכטעט, נישט געקאָנט מעהר שאפען, הייסט דאָס. האָט דער דיכטער און זיין פרוי גענומען ליידען צו ביסלעכווייז פון הונגער און טראכטען פון — זעלבסטמאָרד און פון א שטעלע אין א רעדאקציע.

האָבען זיך די רעדאקציעס נישט געאיילט איהם אויס־צוכאפען, און אזוי ווי זעלבסטמאָרד איז א זאך, וואָס מען מוז אליין באגעהן, אָהן דער הילף פון א דייטשען קאָלעגע, האָט ער זיך געפוילט עס צו טון און — איז בעסער געבליבען לעבען.

און אז זיין לאגע איז געוואָרען מעהר אונערטרעגליך, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט דער הילף פון א גע־וויסען דייטשען שטימונגס־דיכטער, האָט ער זיך גענג־בען א קלאפּ אין שטערען און אָנווייזענדיג אויף א קליין, נעבעכדיג פויגעלע, וואָס איז געהאנגען אין א שטיינגעל לעבען זיין קיך־פענסטער, האָט ער אויסגע־רופען:

— אָט דאָס פויגעלע מוז מיך ראטעווען פון מיין שווערער לאגע!

האָט זיך ס'פויגעלע דערשראָקען פון זיין אויסרוף און גענומען פּישטשען ווי א קליין היהנרעלע.

אַ ווײַלע באַטראַכט מיט זײַנע צוויי אונטערגעפּינזעלטע אויגען און דערנאָך האָט ער באַמערקט זעהר קלוג:

— נו, זעהט איהר שוין! איהר מענה'ט דאָך אַלץ אַז די אידישע ביהנע וואַקסט נישט, — לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט די לעצטע צייט אַזאַ וואַקס געטון, קיין עין־הרע־נישט, אַז אפילו דאָס פּאַרטוך איז אויף איהר קורץ געוואָרען.

* * *

מאָראַל: מענער וואָס ווילען שנעל וואַקסען ווערען געראַטען זיך אונטערצושניידען די הויזען!

## אַ ביהנע וואָס וואַקסט

אמאָל איז געווען א איד פלעגט ער נעהן אין אידישען טעאטער באטראכטען ווי דער קונסט־ליעבענדער עולם עסט מיט גרוים מיטגעפיהל די גרויסע, קיילעכדינע עפעל און שרייט בראוואָמאָטאָפעשקי! הורא פאר דעיפיקעסעל! שלומאש — ספיהה־טש!!

האָט אין איהם, אין ליטעראַרישען צוקוקער, הייסט עס, געוואקסען ס׳אידיש־דראמאטישע הארץ, (מיט א ביסעל מוזיק־פליעז) און ער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ דארויף וואָס ער האָט א נוט פוטעריל, אין וועלכען ער פיהלט זיך גאנץ ווארים.

נאָר איינמאָל האָט ער באמערקט ווי דאָס פארטוך אויף א געוויסער אידישער ביהנע איז אביסעל קירצליך און גרייכט נישט ביז אראָפּ. און אז נאָך איידער די פאָר־שטעלונג הויבט זיך אָן זעהט מען שוין ארוים די שיך פון די קינסטלער, וועלכע שארען זיך ארום אויף דער בעסערער אידישער ביהנע צו יעדער צייט און אמאָל נאָך אָפטער.

איז דער דאָזיגער צוקוקענדער, כמעט קריטיש־קרי־טיזירענדער איד ארויסגעלאָפען הינטער די קוליסען צו דעם הויפט פון אלע הויפט־קינסטלער און איהם אָנגע־זאָגט, אז דער פאָרהאנג איז א ביסעל צו קורץ און אז עס זעהען זיך ארוים די דראמאטישע פיס.

האָט איהם דער הויפט פון אלע הויפט־קינסטלער

סענס פאר מיין טיקעט — כ'האָב אויסגעפונען, אז ס'איז נישט געווען קיין וויצינגע פיעסע.

— אָבער איתר ווענט רוף שיעור אראָפּגעפאלען פון דער באלקאָני פון געלעכטער?

— וואָס האָב איך געזאָלט וויסען, מיסטער? איתר האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז א וויצינגע פיעסע, האָב איך זיך אמוזירט. אָבער היינט אין דער פריה האָב איך געטראָפען מיינעם א לאנדסמאן וואָס ארבייט אין א ציימונג, האָט ער מיר געזאָגט, אז די וויצען וועגען קיין וויצען נישט און אז כ'האָב נאָר אומזיסט געלאכט — גיט מיר צוריק ס'געלד!

• • •

מאָראל: צו וואָס דארף מען א קארוזאָ, אז ס. פּאָלעק האָט אויך אן איבערגעגעבענע מעכטיגע שטימע.

— ס. פּאַלעק׳על איז גרויס! — פלעגט איהם די ראַ־זיגע סאַשע זינגען אַ ניגונ׳דעל.

— ס. פּאַלעק׳על וועט נאָך אַ מאָל האַנדלען מיט קעניגליכע מאַנטלען! — האָט זי איהם געשלעפּערט.

— ס. פּאַלעק׳על איז קלוג ווי די וועלט.

— ס. פּאַלעק׳על שיינט ווי די זון.

— ס. פּאַלעק׳על איז דער גרעסטער מבין אויף קונסט! און אַזוי ווייטער.

איז ס. פּאַלעק׳על געוואָרען ביי זיך שטאָלץ און גע־נומען טראָגען דעם קאַפּעליוש אויפ׳ן אויער — מעשה וועלט־חכם.

און אַ חוץ וואָס עס האָט געארבייט ביי שניידעריי, האָט עס אויך גענומען זיך אינטערעסירען מיט קונסט און מיט טעאטער.

זעהר סימפּאַטיש!

איינמאָל איז ס. פּאַלעק׳על אוועק צום קאַסע־פּענס־טעריל פון אַ אידישען קונסט־טעמפּעל און געפרעגט:

— וואָס שפּיעלצעך ביי אייך?

— סע שפּיעלט זיך אַ קאָמעדיע.

— צום לאַכען, צי אַ רעגעלע?

— צום לאַכען.

— געטשימיר אַ פינף און דרייסיג־סענטינען טיקעט!

— האָט געזאָגט ס. פּאַלעק, איז אריין אינוועניג, זיך צו־געהערט צו די וויצען און געלאכט ס׳גרעסטע געלעכטער.

מען האָט געמיינט, אַז אָט־אָט פאַלט עס אַרונטער פון דער באַלקאָני פון געלעכטער.

אזוי קרעפּטיג האָט עס געלאַכט!

אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דער פאָרשטעלונג, איז אונזער ס. פּאַלעק ווידער געשטאַנען ביים קאַסע־פּענס־טעריל פון זעלבען טעאטער און געזאָגט זעהר אונשולדיג צום קאַסירער:

— מיסטער, געטשימיר צוריק די פינף און דרייסיג

# ס. פּאַלעק

אמאָל איז געווען אַ בחור'ל מיט'ן נאָמען ס. פּאַלעס. דאָס ראָזינגע ס. פּאַלעס'ל איז געווען נישט רייך און נישט שעהן, נישט קלוג און נישט געבילדעט, נישט חן'עוודיג און נישט באַ'טעמ'ט, — נאָר ס'האָט געהאַט אַ מאָרגנע שטימעלע, אויף וועלכען מען פלעגט זאָגען, אַז ס'איז זעהר עהנליך צו דער שטימע פון גאָט — כאָטש זעהר ווייניג מענשען האָבען געהאַט די געלעגענהייט צו הערען אויף וואָס פאַר אַ מין קול די גאָטהיים רעדט אייגענטליך.

און צוליעב דערראָזינגער שטימעלע האָבען זיך אַלע גרעסטע לייט פאַר איהם געבוקט, געניינט, געשאָקעלט, געציטערט — אַ קליינינגקייט: ס. פּאַלעס!

אין אַנהויב איז דאָס ראָזינגע ס. פּאַלעס'ל געווען באַשיידען. נישט געזאָגט קיין דעות אין אַזעלכע זאַכען ווי פּאָלימיק, נישט גערעדט וועגען קונסט, נישט געזאָגט קיין מבינות איבער אַנאַטאָל פראַנס און אין אַלגעמיין געהערשט מיט נישט ווייניגער טאַקט ווי אַ פּשוט'ער סייזער־קעניג.

נאָר ענדליך האָט זיך אין איהם פאַרליעבט עפּעס אַ רויטע מויד מיט'ן נאָמען סאָשע ליזעם, און איהם גענו־מען קעכלען און פּעכלען ווי אַ טייערען בן־יחיד, און איהם צודריקען צו איהר הויכער, איבער־וואָרימער ברוסט.

געשיקט. אויף זיין אָרט האָט זי זיך איינגעשאַפּט אַ פּאַפּוגאַי, זעהר אַ שעהנעם, זעהר אַן ערנסטען און זעהר אַ רעדעוודיגען.

ווי אַזוי האָט זי געוואוסט, אַז דער פּאַפּוגאַי איז אַ זעהר רעדעוודיגער? איז דער תירוץ: דער מאַן פון פויגעל געשעפט האָט איהר פאַרזיכערט, אַז דער פּאַפּוגאַי רעדט ווי אַ וואַסער.

אַז ס'איז אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי און דער פּאַפּוגאַי האָט אַלץ געשוויגען איז דאָס פון אויפּריש־טיגער־ליעבע־רעדענדיגע מיידעל געוואָרען אַ ביסעל אומרוהיג און גענומען דעם פויגעל און צוריקגעטראָגען צום פויגעל־סוחר.

— סטייטש! — זי אַזוי.

— סטייטש וואָס? —ער אַזוי צו איהר.

— סטייטש, ער רעדט נישט, דער פויגעל! — זי אַזוי צו איהם.

קוקט זי דער פויגעלדיגער איד אַן און מאַכט אַזוי:

ס'איז אפשר אמת, מאַכט ער, אַז דער פּאַפּוגאַי רעדט ווייניג — כ מ ע ט  ג אָ ר נ י ש ט, דערפאַר איז ער אָבער, מאַכט ער, א נ ג ר ו י ס ע ר  ד ע נ ק ע ר.

זי האָט איהם געוואָרפען דעם פויגעל אין קאָפּ אַריין.

* * *

מ אָ ר א ל: שטילע דענקערס, קריכט אַרויס פון אייערע טראַנשעען, טרענטשעס, פעלדגריבער און — הויבט אָן דערלאַנגען פּראָזע!

## דער גרויסער דענקער

אמאָל איז געווען אַן עלענר מיידעל, א פרומס. האָט זי געגלויבט אין גאָט און אין דער מענשהייט אין אלגע־מיין, אָבער אין מאַנסביל ספעציעל האָט זי נישט געגלויבט.

נישט געהאַלטען דערפון.

האָט זי געלייענט א סך מאָנדרשיינענדיגע ראָמאנען מיט וואהרע, אויפרישטינגע, הייליגע ליעבעס — אָהא! און — געבליבען אַן אלטע פארוועלקטע מענשען־קינד ביז העמ־העט אין די יאָהרען.

איז זי געוואָרען אומעטיגער און בלייכער פון טאָג צו טאָג, האָט נאָר רעבאַטירט וועגען ריינער אויפריש־טיגער ליעבע און געלעכצט נאָך א פאָר ווארימע מענער־אָרעמס און ברייטע מענער אקסלען.

האָט זי זיך באַקאָנט מיט א בחור, וועלכער האָט וועניג גערעדט. דערפאר אָבער האָט ער א סך, זעהר־אונגעהויער־פיעל־א־סך־געדענקט, נאָר רעדען האָט ער גערעדט זעהר־אונגעהויער־פיעל־וועניג — כמעט גאָר נישט. נישט חלילה דערפאר וואָס ער האָט נישט געהאט וואָס צו זאָגען — ווי סע טרעפט ביי מאנכע דענקער — נאָר דערפאר, וואָס ער האָט צופיעל געדענקט, האָט ער נישט געהאט קיין צייט צו רעדען.

איז ער אפילו איהר, דער אלטער יונגפרוי גע־וואָרען מאוס און דערעסען און — זי האָט איהם אוועק־

אז איך דארף האָבען **עטליכע שאָך אייער, יערען טאָג?**

* * *

**מאָראל:** די מאָראל פון דער דאָזיגער געשיכטע איז נישט זעהר קלאָר. אָבער אונז דוכט זיך אז זי האָט עפּיס א שטיקעל שייכות מיט דער פראגע פון פרויען און אידען־רעכט.

## די הוהן און דער אייער־סוחר

אמאָל איז געווען אַ איד — אַן אייער־סוחר, האָט ער, ווי די טבע איז פון אַלע אייער־סוחרים, געהאַנדעלט מיט אייער.

יעדען פריהמאָרגען פלעגט ער פאַרקאַשען די פאַלעס פון זיין פאַרבלאָטיגטער בעקעשע, נעמען אין דער האַנט אריין אַ קוישעל און זיך אַוועקלאָזען אין דאָרף אריין — נאָך אייער.

דאָס דאָרף וואו אונזער אייער־סוחר האָט געהאַנדעלט איז געווען זעהר אַ שעהן דאָרף אין גאַליציע. זומער האָבען דאָרט די קאַרשען־בוימער גע׳חנ׳ט אין די סעדער. ווינטער זענען די קליינע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, אין ווייסע, בלישטשענדיגע דימענט־הויפענס פאַרוואַנדעלט געוואָרען.

אָבער דער איד—דער אייער־סוחר—האָט דאָס אַלעס נישט געזעהן. געזעהן האָט ער בלויז, אז אין דאָרף זענען פאַראַן צופיעל הינט און — צו ווענינ אייער.

איינמאָל איז אונזער אייער־סוחר פאַרביינעגאַנגען אַ גוי׳עש שטיבעל, און באַמערקט ווי אַ הוהן געהט דאָרט ארום אין דרויסען זעהר נישט־אויפגעלעגט און קוואָקעט שרעקליך און מאַכט „גאַ־גאַ־גאַ־גאַ!“

— אַ מאָרגע הוהן!—האָט זיך ארויסגעזאָגט דער אייער־סוחר — מאָמער דאַרף זי האָבען איין שטיקעל איי, איז מהוט זיך חושך. וואָס זאָל איך נאָך זאָגען,

איהם אָפּצונארען, אַז ער נעהמט קיין כינדזשעוו, זאָגט ער איהם דעם אמת אַז ער נעהמט קיין פינדזשעוו, לויפט יענער שוין ממילא קיין כינדזשעוו.

עטליכע מאָל האָט שוין פּאסירט אַזאַ מין געשיכטע און דער אינגערער סוחר איז געוואָרען אין גאַנצען צו־טומעלט — נישט געוואוסט וואָס צו טון.

איינמאָל האָט ער איהם ווידער באַגעגענט אויפ'ן שייד־וועג — וואָס פיהרט אי קיין כינזשעוו אי קיין פינדזשעוו.

— שלום עליכם, מרדכי־עליע!

— עליכם שלום.

— וואוהין איז דאָס שפּאַנעכץ וואָס מען שפּאַנט?

— קיין כינזשעוו! — ענטפערט מרדכי־עליע און נים אפילו נישט קיין פינטעל מיט'ן אויג.

פאַרטראַכט זיך דער אינגערער סוחר א ווײַלע, לאָזט ארויס א פיעל־געגלידערטען זיפץ און זאָגט:

— איך ווייס מרדכי־עליע אַז דו זאָגסט מיר אומיסנע אַז דו נעהסט קיין כינדזשעוו, כדי איך זאָל מיינען אַז דו נעהסט קיין פינדזשעוו, — געהסט דאָך אָבער טאַקיש קיין כינדזשעוו, טו וואָס־זשע נאַרסטו אָפּ?

און ער האָט זיך צואוויינט.

* * *

מאָראַל: דער בעסטער שווינדעל איז פּאָרט אַז מען קאָן יענעם גוט אָפּנאַרען און נאָך בלייבען דער פיינער מאַן.

סחורות, מיט וועלכע עס האנדלען אידישע יונגע לייטלעך מיט שיטערע בערדלעך.

האָט איין סוחר דערזעהן אין דער פרית, אז דער אנדערער נעהט מיט'ן קוישעל אין דאָרף אריין — האָט ער פוסטערנע געכאפט זיין קוישעל און איז אויך ארויס אין דאָרף אריין.

אונטערוועגס פלעגען זיך די צוויי סוחרים אָפט באַגעגענען, זיך אויעקזעצען אונטער א פלוים פון א גוי־שען סאָד, איבער וועלכען עס האָבען אריבערגעהאנגען די זאפטיגע עפעל און בארן און פלוימען און — אנטלייען איינער ביים אנדערען א ביסעל זאלץ פאר דער ציבעלע, אָדער רעדען פון וועלט־זאכען. אָבער נאָך אָפטער ווי זיי פלעגען געהן צוזאמען, פלעגען די דאָזיגע צוויי סוחרים פרובען איינס ס'אנדערע אָפנארען בנוגע דעם ציעל פון זייער רייזע. איבערהויפט האָט עס געטון דער עלטערער סוחר, וועלכער האָט געהייסען מרדכי־עליע.

— וואוהין שפאנט מען דאָס אזוי ? — פלעגט פרעגען דער אינגערער סוחר ביי מרדכי־עליע'ן בשעת זיי פלעגען זיך באַגעגענען אויפ'ן וועג.

— איך שפאן קיין כינזשעוו ! — פלעגט תמ'עוואטע ענטפערען מרדכי־עליע און אין הארצען ביי זיך פלעגט ער טראכטען : הלואי קרענקט ער אזוי, ווי לאנג איך גיי נישט קיין כינדזשעוו, נאָר קיין פינדזשעוו !

---

אין אָנהויב האָט זיך דער אינגערער סוחר געלאָזט פארנארען און פלעגט פארלויפען דעם וועג קיין כינדזשעוו און צו זיין גרויס הארצוועהטאָג אויסגעפינען אז מרדכי־עליע איז נאָר אין פינדזשעוו און ער איז אויך אוועק אהינצו.

איז אָבער מרדכי־עליע אויך נישט קיין מלופין־קינד — עפעס פאָרט געשליפען דעם קאָפ אין תוספות און עין יעקב — איז ער זיך מישב און אָנשטאָט

## דער אָפּנאַרער

אמאָל זענען — אין א קליין שטעטעל — געווען צוויי סוחרים. ביידע האָבען געהאנדעלט מיט האָניג — אויב ס'איז געווען האָניג צו האנדלען, ביידע האָבען גע־האנדעלט מיט פלאקס — אויב ס'האָט זיך געמאכט א בינטעל פלאקס און ביידע זענען אין אלגעמיין געשטאָר־בען פון הונגער ווי סע קעהר צו זיין.

דידאָזיגע צוויי סוחרים האָט מען געקאָנט זעהן אויף אלע ירידים — מיט די שטרויעלעך אין מויל, די פּאָלעס פארקאטשעט — מעשה סוחרים, און — ביידע זענען זיך איינס ס'אנדערע נאָכגעגאנגען פוס־טרית.

האָט איינער דערזעהן, אז דער אנדערער האָט ערגעץ דערטאפּט א בינטעל פלאקס, אָדער עטליכע היהנער — איז ער גלייך אויסגעוואקסען פון הינטען און גענומען קאָנקורירען, אויסריינגען.

ראביי זענען זיך די צוויי שעהנע סוחרים אָפּט ארייג־געקראָכען אין די שיטערע, אונטענטוויקעלטע בערדלעך, זיך צונראבעלט די פּנים'ער און זיך אָנגערופען מיט אלערליי נעמען.

דאָס איז געווען יריד־צייט.

אין געוועגליכע טעג פון א גאנץ יאָהר, פלעגען אונ־זערע סוחרים ארומגעהן איבער די דערפער מיט קאָשי־קעס אין די הענט און האנדלען מיט די באקאַנטע

בינדען א גלעקעל און איתם ארומפיהרען אויף אלע ירידים.

— — — — — — — — — — — — — — —

און נאָך תיינט — אזוי דערצעהלט די מעשה — נאָכדעם ווי ער איז געשטאָרבען, קאָן מען זעהען דעם אלטען, גרייז־גראָהען ר' שיע־העשעלע זיצען אין גן־עדן מיט א גלעקעל אויס'ן ספאָריס און די יונגערע, שקאָצעוואטע גייסטער, וואָס נעהען פארביי, צופּען איהם פאר דער נאָז, שיסען איהם בעבליך אין די אוירען אריין, אָבער דער גוטער רב שיע־העשעלע שמייכעלט און טראכט — אָט לאָזען די קינדער הנאה האָבען!

* • *

מאָראל: דער רענען רענעדט פאר אלעמען גלייך — פאר דעם שולדיגען און פאר דעם אונשולדיגען, נאָר אביסעל מעהר פאר דעם אונשולדיגען, ביי וועלכען דער שולדיגער גנב'עט געוועגליך צו דעם רענענשירם.

— דו ביזט אַן עהרליכער מאַן! — האָט נעזאָגט דער הויפּט־גזלן און איהם דערלאַנגט אַ זעץ צו דר'ערד.

אז ר' שיע־העשעלע האָט געהאַט צוריק אָנגעטון דעם ספּאָדעק און איהם געהאַלטען אין ארויפזעצען אויף זיין בלאָהער, סאַמעטענער יאַרמולקע, האָט ער זיך פלוצים אַן עפּעס דערמאָנט פון וואָס ער איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען. ער האָט זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער בוזים־קעשענע און — ריכטיג! ווי ס'האַרץ האָט איהם געזאָגט. ער האָט פארגעסען אָפּצוגעבען די גזלנים דאָס טייערע בשמים־קעסטעלע וואָס איז געווען גע־מאַכט פון פימסען־האָלץ און באַשלאָגען מיט גאָלד.

רב עליע! — האָט שיע־העשעלע זיך געווענדעט צו זיין בעל־עגלה. — איהר'ט אזוי גוט זיין אונטערוואַר־טען דאָ מיט דער בויד, איך מוז נאָכלויפען די גזלנים, איך האָב זיי פארגעסען אָפּגעבען ס'פּושקעלע — האָב איך זיי פארגעסען! — און ער האָט גענומען לויפען טשוואַליאָם.

נאָך דריי טעג לויפען האָט ער זיך ענדליך דערשלאָ־גען צו דער גזוויסער הייל.

די גזלנים־יונגען זענען געזעסען אויף דר'ערד ארום אַ דרייפיסיג טישעל און געזופּט ווייִן פון כוסות וואָס זענען געווען געמאַכט פון מענשליכע שאַרבענס.

דערזעהן דעם פּאַרסאָפּעטען און אָהן־אָטעמ'־דיגען שיע־העשלען, איז דער ווייִן געבליבען אין זייערע גאָרגלען.

אָבער ר' שיע־העשעלע האָט זיי גלייך באַרוהיגט:

— זייט מיר מוחל, ליעבע גזלנים. — האָט ער גע־זאָגט מיט אַ פאַרטרערט קול — זייט מיר מוחל וואָס איך האָב אייך אָפּגענאַרט. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב פארגעסען. נאַט אייך ס'פּושקעלע!

דערשטוינט און גערירט פון דעם מענשען'ס עהר־ליכקייט האָט איינער פון די גזלנים געמאַכט אַ פאָר־שלאָג, אַז מען זאָל צו ר' שיע־העשעלע'ס ספּאָדיק צו־

מענער יארמולקע דעם שעתנעם ספאָדעק און מ'לאָזט זיך אין וועג אריין — אויף נאַט'ס באראָם.

פאַהרט מען א שעה, צוויי, גאָרנישט. דערווייל האָט גענומען צופאַלען די נאכט, איז ר' שיע־העשעלע אראָפּ־געקראָכען פון דער בויד, זיך ארומגעגאַרטעלט מיט דעם שווערען, זייערנעם גארטעל, און זיך געשטעלט מנחת ראוונען. ערשט ערניך פון א הייל ניבען א שפרונג ארויס דריי גזלנים מיט גרויסע שטיוועל און מיט שארפע מע־סערס.

איינער פון די דריי גזלנים האָט זיך גענעבען א נעם צו ר' שיע־העשעלע'ן איהם א כאפּ געטון פאר'ן האלז און באפוילען ער זאָל אָפּגעבען דאָס גאנצע גאָלד און זילבער.

— נו־אָ! — האָט ר' שיע־העשעלע א מאך געטון מיט דער האנט און נישט אויפגעמאכט אפילו די אויגען — וואָרים ר' שיע־העשעלע האָט גראָד געהאלטען ביים „לך“ פון „מודים“.

ערשט דערנאָכדעם, אז ער איז אויסגעגאנגען שמונה עשרה, האָט ר' שיע־העשעלע אליין אראָפּגענומען פון זיך ס'גאָלדענע קייטעל מיט'ן זייגערל און אנדערע טפלטלין שיש להן אחריות, און עס אָפּגעגעבען צו די גזלנים, וואָרים ר' שיע־העשעלע האָט נישט געוואָלט ברענגען דערצו, אז אידישע מענשען זאָלען פארלירען זייער חלק לעולם הבא צוליעב שפיכת דמים ר"ל.

— האָסטו אונז אלצדינג אוועקגעגעבען וואָס דו האָסט ביי זיך? — האָט דער הויפּט־גזלן געפרעגט ביי ר' שיע־העשעלע'ן, וואָרים ער האָט געזעהן אז ער דאָט דאָ צו טון מיט אידען אויף וועמעס וואָרט מען קאָן זיך פארלאָזען.

— יאָ! — האָט געזאָגט ר' שיע־העשעלע, מחמת פון גרויס פחד, אז די גזלנים זאָלען חלילה נישט פאר־לירען זייער חלק לעולם הבא, איז ביי איהם דער זכרון געשלאָגען געוואָרען.

## עהרליכקייט באַצאָהלט זיך

אין דער שטאָדט פּאָמפּידוסע האָט געוואוינט א גאָטספּאָרכטיגער איד, האָט ער געהייסען ר' שיע־העשיל ציבוך און איז געווען — כאפּט אייך אָן — אן עושר גדול ועצום.

אז מען זאָל זיך פארלאָזען אויף דעם וואָס די אלטע פּאָמפּידוסער תושבים זאָגען, מוז מען גלויבען, אז ר' שיע־העשעלע איז אויך געווען דער גרויסער בעל־מאמין, דער אמת'ער איד מיט'ן פולען מויל — ווי די מעשה וועט אי"ה באלד באווייזען.

איינמאָל האָט ר' שיע־העשעלע באדארפט צו פאָהרען אויף א חתונה פון אן אָרימער כלה, וועלכע ער איז אויסען געווען מהנה צו זיין מיט זיין סבר פנים יפות און טאקע מיט דער שעהנער בלה־מתנה — היינו: א בשמים־קעסטעלע פון פיינעם פּימסען־האָלץ און באשלאָגען מיט גאָלד.

פאָהרען — איז אויסגעקומען צו פאָהרען דורך א געדיכטען, פינסטערען וואלד, אין וועלכען עס זענען פון אייביג־אָן שכיח געווען א סך גזלנים.

אָבער שיע־העשעלע איז נישט דער מענש זיך צו שרעקען. „ד' לי מה אירא? אז השי"ת איז מיט מיר, וואָס דארף איך פורכט צו האָבען?" — אזוי האָט געטראכט ר' שיע־העשעלע, אָנגעטון די טייערע ראצימי־רענע בעקעשע, ארויפגעזעצט אויף דער בלאָה־סאמע־

# מעשה'לעך מיט אַ מאָראַל

ס'איז מיר אומעטיג, ליעבער גאָט.

דיין וועלט איז שוין אזוי אַלט. די זון געהט אויף און געהט אונטער מיט א באַלע רעגעלמעסיגקייט. פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער זיינען פיער שוועסטער פון איין גלייכגילטיגער, סימפּאַטישער מאַמען. דיין לבנה, ליעבער גאָט, דערמאָנט אָן דעם זילבער פון אָפּגעריבענע מטבעות. דיינע שטערען פינטלען אזוי אומפאַרשטענדליך.

און מיר אַלע טראָגען דעם טויט אין אונזערע הערצער ווי א ממזר.

א פ ר ע מ ד ע ן טויט, באשאפען פון א פרעמדען גאָט, וועלכער אַמוזירט אונז ניט.

ס'איז אומעטיג, ליעבער גאָט, דאַריבער בין איך אזוי קלוג און פול מיט וועלטשמערץ, — א זאך וואָס געפעהלט זעהר די דאַמען.

LIBRARY
OCT
1978
UNIVERSITY OF TORONTO

Copyright, 1919.
by
MOISHE NADIR,
(Isaac Reiss)

PJ
5129
N2M3

PINSKI-MASSEL PRESS
94 BOWERY, NEW YORK

# מעשה׳לעך מיט אַ מאָראַל
## און
# אויסגעטראַכטע זאַכען

---

משה נאדיר

פארלאג „ווערבע“
ניו יאָרק, 1919.

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ
5129
N2M3

Nadir, Isaac Moishe
Mayselekh mit a moral

משה [illegible]